בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פּאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' כי תבא תש"פ
Vol. 18-A

United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

**זמנים**

**כי תבא**

הדלקת הנרות
**7:08**

סו"ז קריאת שמע
**9:05**

זמן מוצש"ק
**8:34**

# "איש את רעהו יעזורו" מעגאָ קיופּאַן פּראָגראַם וועט נאכאמאל דורכגעפירט ווערן לקראת חודש תשרי הבעל"ט

5

## אומבאשרייבליכער שמחת התורה איף די גאַסן פון בלומינגראוו ביים פייערליכער מעמד הכנסת ספר תורה צום בית המדרש קאָריץ

א לעבעדיגעביישפיל איבער די שטוינענדע רעזולטאטן פון געזעצליכע שתדלנות על פי דרך התורה

## "טאַן אָוו מאַמאַקעטונג" נידערט ענדליך איבערגעטריבענע שטייער פון "טשעסנאט רידש" דעוועלאָפּמענט אין "קרית יטב לב – בלומינגבורג"

# פראגעס און ענטפערס



ברייטע און דעטאלירטע אָפּהאַנדלונג איבער ברענעדיגע 'באָסעס אישו'

# מיינע רוישענדע געפילן דעם זונטאג אויף "יוסטאן" שוועניא

הרב יואל וואגשאהל

**יא,** איך בין דארט געווען.

איך בין דארט געווען, ביי דעם אומפארגעסליכן און הייליגן מעמד "הכנסת ספר תורה" צום ביהמ"ד המפואר "אמרי פנחס ד'קאריץ, דעם פארלאפענעם זונטאג פרשת כי תבא העעל"ט, אבער מיינע שטורמישע און עמאנאציאלע געפילן זענען געווען ערגעץ אנדערש...

די הערליכע סצענעס, די געהויבענע מאמענטן, וואס מען האט מיטגעלעבט, האבן מיר ווי צוריקגעטראגן מיט א שיינע עטליכע יאר צוריק...

און דאס הארץ איז איבערגעפולט געווארן מיט אַן איבערפליסענדע לויב געזאנג צום אלמעכטיגן באשעפער. רבוש"ע, ווער וואלט זיך דאס געגלייבט ?

אינאיינעם מיט'ן גאנצן ציבור העצום האב איך שפאצירט אויף די 'יוסטאן' און 'דאללאס' גאסן. אינאיינעם האב איך זיך מיטגעפרייט בקרב קהל קדושים רוגשים, מיט די טאנצענדע מאַסע פון חסידיי'שע אינגעלייט ווי ווייט דאס אויג האט נאר געקענט זעהן. אלע געקליידעט מיט שטריימל בעקיטשע, אלע האנט ביי האנט אנגעכאפט מיט פייערדיגע ריקודים של שמחה, לכבודה של תורה.

די לעבעדיגע קלאנגען פון די מוזיק הילכט אפ וויט וויט. די הונדערטער לעכטיגע קינדערלעך, תינוקות של בית רבן, ועטרותיהם בראשיהם, מיט די פענער און די קרוינען, מארשירן מיט שמייכלענדע פנים'ער. מאסן נשים צדקניות, מיט זייערע יונגערע קינדערלעך האלטן מיט דער שמחה מיט א קענטיגע פרייד, און פאר א ווײַלע דוכט זיך ווי אפילו די ארומיגע ביימער און בלעטער וויגן זיך מיט די גרויסע חגיגה ווען דאס בלומינגראווער אידנטום איז מחנך א נייער ספר תורה מיט טענץ און געזאנג.

מען שפאצירט אינאיינעם מיט'ן ציבור אבער די אינערליכע געפילן רוישן, ווען מען מאכט זיך דעם חשבון אז אט דער ציבור העצום פון זקנים עם נערים, פון אלע יארגענג, פון אלע היימישע שיכטן, זענען אייגנטליך נישט קיין געסט אדער צייטווייליגע באזוכער... דאס זענען אלע איינוואוינער, תושבי המקום, וועלכע וואוינען און לעבן פאקטיש דא אין בלומינגראוו! די אלע הונדערטער תינוקות של בית רבן, ווערן ערצויגן אויף די פרישע און רחבות'דיגע בלומינגראווער לופט, זיי ווייסן שוין נישט פון עפעס אנדערש אפילו. ארגינעלע אידישקייט אין בלומינגראוו שפרודלט און בליעט!

מען טאנצט לכבודה של תורה מיט די פרייליכע מאַסן, און מען דערמאנט זיך בשעת מעשה זכרונות און געפילן פון דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט, ווען בלומינגראוו איז געווען אן "ארץ לא זרועה", ווען בלומינגראוו איז געווען א "מדבר שממה" וואס קיינער, אפילו דער גרעסטער אפטעמיסט, האט נישט געקענט פאראויסזאגן אזא הערליכן עתיד.

* * *

**מ**יט נישט אזוי לאנג צוריק איז עס געווען, ווען אלע האבן געלאכט, ווען אלע האבן געמאכט מיט א ביטול, "עה, דאס וועט זיך קיינמאל נישט אויסארבעטן"...

**עס ליגט נאך גוט אין זכרון די לאנגע תקופות ווען געצײלטע, איינצלנע אידעלעך האבן געוואוינט דא, ארומגענומען מיט הונדערטער גוי'אישע שכינים. אויף מנין האט מען זיך געדארפט שלעפן ביז קיין קרית יואל, שטרויכלונגען האט מען געהאט אויף יעדן ריר, און אויסגעקוקט האט ווי דאס וועט שוין אזוי בלייבן אויף שטענדיג. די זאך וועט נישט האבן קיין קיום.**

**צוביסלעך האט עס פאסירט. צוביסלעך האט מען געהערט פון נאך א אידישע משפחה, און נאך א אידישע משפחה, וועלכע האבן זיך אריינגעצויגן. ווי גרויס איז געווען די שמחה ווען מען האט ענדליך געהאט אן אייגענעם מנין דא אין געגנט. דאס איז ווייטער געוואקסן, נאך בתי מדרשים האבן זיך געעפענט, נאך געגנטער זענען באזעצט געווארן מיט אידן, און בלומינגראוו האט משנה צורה געווען צום גוטן...**

ס'איז נישט לייכט אנגעקומען. לגמרי נישט. אונזערע "גאַסט פריינטליכע" שכינים האבן קיינמאל נישט געזוכט אונז צו באקוועם מאכן דאהי. דער איד ווערט אונטערדריקט און באקריוודעט איינמאל און נאכאמאל, דער איד ווערט געצילט און באגרעניצט אין יעדן אספעקט פון לעבן במנוחה.



**אבער ווי איז דען פארהאן א שענערע איבערצייג אויף דעם "נצח ישראל לא ישקר" ווען אצינד שטייען מיר, טאקע אויף די גאסן פון "יוסטאן" און "דאללאס", וואס איז ביז לעצטנס געווען באוואוינט מיט די סאמע גרעסטע העצערס און פיינטליכע עלעמענטן, און מען זעהט די אומגלויבליכע סצענעס וויאזוי אזויפיל הונדערטער זקנים ונערים פארגייען זיך אין פרייליכע טענץ בקול רנה והמון חוגג, באגלייט מיט דעם לגיון של מלך פון לעכטיגע צאן קדשים, ששים ושמחים לעשות רצון קונם.**

זעהנדיג די מחזה מרהיבה וויאזוי עס ווערט נתחנך א ספר תורה אויף די גאסן פון בלומינגראוו מיט אזא שיינקייט און פראכט, איז דאס הארץ פשוט איבערגערינען מיט א שבח והודאה להשי"ת, אז מען האט דאס דערלעבט, אז מען האלט שוין דא. כה יתן ה' וכה יוסיף.

★ ★ ★

**ש**טייענדיג אזוי אויף דער "יוסטאן" גאס, פארנט פון דאס הויז פון מיין גוטער ידיד, הרבני מוה"ר יוסף ברוך רייך הי"ו, אנגעטון מיט די בגדי שבת און טיף פארטראכט אין מיינע געדאנקן, שפיר איך פלוצים א קלאפ אין דער פלייצע. איך דריי זיך אויס און איך באגעגן א באקאנטער מיינער, וואס וואוינט גראדע ביי די אנדערע עק בלומינגראוו און ווען מיר באגריסן זיך פריינטליך גיט ער מיך א פרעג: "איך זעה דו ביזט דא מיט בגדי שבת, און זעהט מיר אויס גאנץ עמאנאציעל, וואס איז די גרויסע שמחה היינט ביי דיר ?".

ערקלער איך פאר מיין פריינד: צום אלעם ערשטן, שפיר איך טאקע א פערזענליכע שייכות מיט "קאריץ", וואו כ'האב געהאט די זכי' צו זיין פון די ערשטע מייסדים מתפללים, און עד היום האב איך הנאה צו מיטהאלטן דא א דערהויבענעם דאווענען, וואס איז באמת א פלאם פייער.

די אטמאספערע פון דעם ביהמ"ד איז דאך אין לשער, א קידושא רבא שבת אינדערפרי, א של"ש מיט די טרעפליכע טייערע פערל ווערטער פונעם רב שליט"א וואס גיט אריין חיזוק פאר די ששת ימי המעשה. ווידעראום אינדערוואכן, ווען מען פאלט אריין פאר א מנחה מערב טרעפט מען טאג טעגליך אינגעלייט נאך א טאג שווערע הארעוואניע על המחי' ועל הכלכלה, זיצן ביים שיעור וואס ווערט פארגעלערענט דורך דעם געשמאקן מגי"ש הרב יואל טייטלבוים הי"ו

אבער אויסער דעם – זאג איך פאר דעם איד – איז דאך באמת אוממעגליך צו ערקלערן פאר אנדערע די גליקליכע געפיל פון באטראכטן א אידישע שטאט, און פשוט שעפן אידיש נחת בליעה"ר, וויאזוי ס'איז אויסגעוואקסן אזא הערליכע ישוב פון די קערענדלעך וואס מיר האבן געהאט די זכי' צו אנפלאנצן מיט יארן צוריק.

די שטאט פארמאגט אצינד קרוב צו 15 בתי מדרשים כן ירבו און ס'איז שוין אזא גרויסע שטאט אז ס'איז שוין אפילו פארהאן שכינים וואס קומען יא מיט'ן שטריימל און אזעלכע וואס קומען נישט מיט'ן שטריימל, אזש דו דארפסט מיך פרעגן פארוואס איך האב יא די בגדי שבת... דאס גופא איז פאר מיך די גרעסטע שמחה און פארדעם אליינס וואלט איך טאקע געגאנגען מיט'ן שטריימל און בעקיטשע צו יעדע שמחה אין סיי וועלכע בית המדרש ביי אונז אין בלומינגראוו.

★ ★ ★

**מ**ערקווערדיג אז פונקט די וואך האב איך אנגעטראפן א איד, א גרויסער ביזנעסמאן מיט די קאפ אויפ'ן פלייצע, וואס כ'האב אפילו נישט געוואוסט אז ער ווייסט וואו אויף די מאפע בלומינגראוו געפינט זיך, אבער אזוי רעדנדיג זאגט מיר דער איד אז ער שטייט און שטוינט איבער די אויסטערלישע הצלחה פון דעם אידישן ישוב אין בלומינגראוו, און דערביי צייגט ער מיך אן אויף אנדערעביישפילן וועלכע האבן זיך נישט דערווייל נישט אזוי שיין אנטוויקלט, און דער איד זאגט מיר: "דאס איז אלעם צו פארדאנקן די אחדות וואס איז דא אין בלומינגראוו, א זאך וואס איז די איגרידיענט פאר א הצלחה פון א געגנט, און דאס איז טאקע פארוואס בלומינגראוו שטייגט ארויס מער פון אסאך אנדערע פלעצער".**

אייגנטליך האט מען דאס טאקע אמבעסטן געקענט זעהן ביי די הערליכע "הכנסת ספר תורה" דעם פארלאפענעם זונטאג, וויאזוי די גאנצע שטאט, אריינגערעכנט אלע חשוב'ע רבני העיר, זענען זיך צוזאמענגעקומען זיך מיטפרייען אונטער איין חופה מיט דער הייליגער תורה בשלום ובשלוה.

באזונדער איז דאך די שמחה געווען גרויס, שטייענדיג

נאך די ביטערע תקופה וואס מיר זענען אריבער, און ווי אלע האבן עס מיטגעהאלטן איז א גרויס חלק פון דעם "כתיבת ספר תורה" קאמפיין טאקע געווען אין ברען פון די שווערע מגיפה, וואס ווי באקאנט איז פארהאן א גרויסע סגולה צו לאזן שרייבן א ספר תורה אין אזא צייט.

אידן אין אונזער געגנט האבן טאקע זיך ווארים אנגערופן צו לאזן שרייבן א ספר תורה אין אזא שעת חירום און מיר זענען זיכער אז דאס האט טאקע געשיצט אויף דער שטאט, ווי מען האט עס האט געזען בחוש אז מען האט ב"ה נישט געהערט קיין בשורות רעות דא אין געגנט, השי"ת זאל אודאי ווייטער האלטן די רעכטע האנט, ברוב חסדי ה' איז אויך הגה"צ דער ראדאוויצער רב שליט"א שוין אהיימגעקומען און מען איז ווייטער מתפלל פאר א גאנצע רפואה.

אלענפאלס איז דאס אלזא געווען א "שמחה משולשת" פאר דער גאנצער שטאט בלומינגראוו בכלל, און בפרט פאר די חשוב'ע קאריצער קהלה בהנהלת הרב שליט"א.

★ ★ ★

רעדנדיג איבער די חסדים וואס השי"ת האט פאר אונזער באחדות'דיגע געגנט ארויסגעוויזן שטענדיג, איז טאקע אין פלאץ צו דערמאנען די גרויסע חסדים אין די לעצטע תקופה, ווען אונזערע "פריינטליכע" שכינים האבן זיך געשארפט די ציין צו העצן קעגן אידן אז מיר זענען חלילה שולדיג פאר דעם ווירוס אויסברוך. די שטן'דיגע כוחות פון די פיינטליכע עלעמענטן האבן פרובירט אונז צו באשמיצן אויף אלע אופנים, אבער ב"ה דער אויבערשטער האט אונז נישט פארלאזט און אפגעראטעוועט פון זייערע מזימות. הטוב כי לא כלו רחמיך והמרחם כי לא תמו חסדיך.

בדרך אגב, באלד נאך די הכנסת ספר תורה האב מען שוין ליידער ווייטער געהערט די ביטערע העצערייען פון די פיינטליכע עלעמענטן אויף די סאציאלע מידיא. דעריבער ווען איך האב ארויף שפאצירט אויפ'ן בארג בין איך פאראיבער די פאליציי און איך זאג אים: officer, this is how a peaceful protest is supposed to look like...

ווי טרעפליך איז טאקע אז אין אזא זמן האבן מיר זוכה געווען צו מקיים זיין די מצוה פון ביכורים, ווי דער געהויבענער זיידע פונעם קאריצער רב שליט"א, הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א, האט ארומגערעדט באריכות ביי דער הערליכע סעודה לכבודה של תורה, אז די מצות ביכורים איז די מצוה פון הודאה ווען מען דאנקט השי"ת אויף זיינע השפעות טובות. כה יתן ה' וכה יוסיף.

★ ★ ★

און צום שלום מיין טייערע געגנט בלומינגראוו:

**וויפיל האט מען דיך אוועקגעמאכט, וויפיל האט מען געלאכט פון די נחשונים וועלכע האבן זיך אין דיר אריינגעצויגן, און וויפיל האט מען "פאראויסגעזען" אלע בייזע הבטחות אז דו וועסט פארבלייבן אויסגעשפילט פון אידן, און אט דא שטייען מיר, אין א זונטאג נאכמיטאג, מיט הונדערטער אנשים נשים וטף, תושבי בלומינגראוו, וואס פרייען זיך לכבוד התורה הק', אויף דיינע גאסן, מיט אזויפיל שטאלץ און גליק.**

אבער וויסן זאלסטו, טייערע בלומינגראוו המעטירה, אז דאס אלעם ביז אהער איז נאך אלץ בלויז די שיינע התחלה פאר דיין גליקליכן עתיד. עס וועט נישט לאנג געדויערן און דו וועסט בעז"ה ריכטיג פארוואנדלט ווערן אין א היימישע אידישע שטאט מיט אלע צוגעהערן און געברויכן, ווי עס קומט זיך דיר.

**צום באדויערן ווערן דיינע לעכטיגע אידישע איינוואוינער פארפאלגט, מען לאזט זיי נישט דא וואוינען במנוחה, מען נעמט אוועק זייערע עלעמענטארע רעכטן און מען שטעלט זיי שטיינער אויף שריט און שריט. דיינע בתי מדרשים און מקוואות קענען נישט ווערן געבויעט אדער אויסגעברייטערט.**

**דיינע אידישע משפחות זענען נישט ערלויבט צו רייזן אויף זייער אייגענעם שאָטל. דיינע אידישע הייזער אייגנטומער גייען דורך צרות יגון ואנחה אויף יעדן קלייניגקייט ווען מען וויל רענאווירן עטוואס דאס הויז, און דיינע אידישע שטייער - צאלער ווערן בארויבט פון זייערע פשוט'ע באדערפענישן.**

**אבער זיי נישט באזארגט, בלומינגראוו טייערע, השי"ת וואס האט אונז געהאלפן ביז אהער וועט אונז בלי ספק העלפן ווייטער. די אלע רדיפות און אומרעכטן קעגן דיינע אידישע איינוואוינער וועט גאר בקרוב זיין א פארגאנגענהייט.**

## ווייסטו פארוואס בלומינגראוו ?

**וויל דער כח פון דיין זעלטענע אחדות, מיט וואס דו ביזט באקאנט אומעטום, וועט עס מאכן פאסירן, בלי ספק!**

**דער קראפט פון דיין שטוינענדע "ברידערליכע אחריות" - וואס אלע דיינע איינוואוינער שפירן און ציינגן ארויס פאר דער עתיד פון זייער שטאט - אט דאס וועט בעז"ה ברענגען א נייע גאלדענע עפאכע פאר דער גאנצער שטאט, פאר אלע סערוויסעס פון דער געגנט, פאר אלע בתי מדרשים און מקוואות, און פאר יעדן יחיד פון דיינע איינוואוינער.**

שישו ושמחו בשמחת התורה כי הוא לנו עוז ואורה!

# "איש את רעהו יעזורו" מעגא קיופאַן פראָגראַם וועט נאכאמאל דורכגעפירט ווערן לקראת חודש תשרי הבעל"ט

## יו.דזשעי.סי. וועט פארטיילן ווערדפולע קיופאַנס פון שטוינענד ביליגע דיסקאונט פרייזן פאר אַן איסוואל פון פראָדוקטן און צרכי יו"ט בהרחבה גדולה

## נאכדעם וואס דער פראגראם אין די פארלאפענע ערבי פסחים העעל"ט איז געקרוינט געווארן מיט אויסטערלישע ערפאלג

שטייענדיג אין די יעצטיגע ערב ימים טובים תקופה, אין א צייט ווען די עקאנאמישע לאגע ביי מערערע אידישע קינדער איז ליידער עפעקטירט געווארן, זענען די געטרייע עסקני העיר ווידעראמאל אריינגעשפרינגען צו ברענגען פאר אלע תושבי בלומינגראוו דעם נאבעלן "איש את רעהו יעזורו" פראיעקט, צו לינדערן און ארויסהעלפן תושבי השכונה, מיט'ן איינהאנדלען די צרכי החג מיט א רואיג געמיט פאר שטוינענד ביליגע פרייזן.

דער גרויסער אונטערנעמונג ווערט אצינד דורכגעפירט שוין צום צווייטן מאל, נאך די אויסטערלישע ערפאלג וואס מען האט ב"ה געהאט אין די פארלאפענע ערבי פסחים העעל"ט, ווען ס'איז געקומען צום אויסדרוק די פארלאנג און די צופרידנהייט פון תושבי העיר, וועלכע האבן נישט געקענט גענוג באדאנקן פאר די הארציגע סערוויס מיט אזויפיל געטריישאפט און געפיל.

צום יעצטיגן ערב תשרי סעזאן, ווען מען גרייט זיך צו די געהויבענע ימים טובים הבאים לקראתינו לשלום, טוט דעריבער די "יו. דזשעי. סי." נאכאמאל פראקלאמירן די מעגא "קיופאן" פארטיילונג, וואס מען וועט קענען דערמיט זיך איינהאנדלען א לענגערע ליסטע פון הונדערטער גראסערי פראדוקטן פאר שטוינענד ביליגע פרייזן, ביי די בארימטע "בינגאו" געשעפטן אין מאנסי אדער אין בארא פארק.

גלייכצייטיג איז אראנזשירט געווארן דיסקאונט פרייזן אויף ציצית און טליתים ביי די בארימטע "מפואר" דזשעידקא", און א ספעציעלע סעלעקשאן פון מערערע אינטערסאנטע און באלערנדע ביכלעך, אידישע קאמיקס ביכער, און אידישע געימס צו האלטן די קינדער פארנומען מיט ערליכע ליין מאטריאל און שפילעריי, אלעס פאר די ביליגסטע הנחות און פרייזן וואס איז נישט דא צו באקומען אין ערגעץ.

איז טאקע מערקווערדיג צו פארצייכענען אז די גרויסע "חלוקה" וואס די "יו. דזשעי.סי." האט בשעתו דורכגעפירט דא אין בלומינגראוו, מיט שטוינענד ביליגע פרייזן פון די בארימטע "בינגא" געשעפטן, האט בשעתו געהאט אזא שטארקן




אפקלאנג אומעטום, א ז זינט דאן האט מען פון מערערע געגנטער און ארגאניזאציעס זיך געווענדן צו די "בינגאו" פארוואלטונג, צו קענען ערהאלטן די זעלבע סארט "קיופאנס", און ווירקליך איז דער פראגראם טאקע אויסגעברייטערט געווארן צום יעצטיגן ערב תשרי סעזאן ווען עס ווערט פארטיילט ענליכע "קיופאנס" אויך אין אנדערע געגנטער צו ארויסהעלפן אידן מיט די צרכי החגים בהרחבה, והי' זה שכרינו.

אין דעם היינטיגן "שטימע" איז בייגעלייגט די פילע "קיופאנס" פון מערערע געשעפטן, מיט אן אויסוואל פון אלע ערליי פראדוקטן און צרכי יו"ט, צו זיין בייהילפיג פאר פון תושבי העיר וועלכע וועלן בעז"ה געניסן פון אזעלכע רחבות'דיגע הנחות און בעניפיטן, וואס וועט אריינברענגען אן אמת'ע שמחת יום טוב אין די שטובער.

מפרסמים עושי מצוה, זאל טאקע ערוועגט ווערן בשער בת רבים, די בארימטע געשעפטן וועלכע האבן זיך צוגעשטעלט מיט גאר ביליגע פרייזן און ווערטפולע הנחות, כדי צו ארויסהעלפן אידישע קינדער אין די יעצטיגע שווערע ערבי פסחים, צווישן זיי די בארימטע 'מפואר' דזשודעיקא געשעפט, די באקאנטע 'קינדער שפיל' און 'חזק', מענ'ס קארנער דריי גודס, און GB קלאודינג. ישלם ה' פעלם ותהי משכרתם שלמה מעם ה' אלקי ישראל.

און געוויס איז מען מכיר טובה פאר די געטרייע עסקני הכלל, וואס פארמירן דעם דעם גרויסן כח פון ברידערליכע אחדות אינאיינעם מיט די מדת הצדקה והחסד,ביידע שטריכן וואס בלומינגראוו פארקערפערט אין זיך אזוי נאבל, צו באגלייטן און העלפן אלעמען מיט אזא ברייטקייט און גוטהארציגקייט.

## א לעבעדיגע ביישפּיל איבער די שטוינענדע רעזולטאטן פון געזעצליכע שתדלנות על פי דרך התורה

# "טאַון אָוו מאַמאַקעטונג" נידערט ענדליך איבערגעטריבענע שטייער פון "טשעסנאט רידש" דעוועלאָפּמענט אין "קרית יטב לב - בלומינגבורג"

### אדאַנק פאראייניגטע כח השתדלנות און ארויסברענגן גרויסן צאָל שטימע ביי די ארטיגע מאמאקעטינג טאון עלעקשאנס, איז געשליכטעט געווארן לאנג פארצויגענע לעגאלע קאמף פון די טשעסנאט רידזש דעוועלעפארס מיט די הילף פון עסקני העיר, די היימיש ערוועלטע טראָסטיס און די "יחד" ארגעניזאציע

קרית יטב לב, בלומינגבורג - מיט א שטארקע דערלייכטערונג איז אויפגענומען געווארן די באריכטן אז דעם פארלאפענעם דינסטאג אוועגט, פרשת כי תבא, איז ענדגילטיג אריבער די לאנג ערווארטעטע אפשטימונג אינערהאלב די "טאון אוו מאמאקעטינג" וועלכע האבן איינגעשטימט אויף אן אפמאך מיט די היימישע עסקנים פון בלומינגבורג, צו נידערן די אומ'יושר'דיגע הויכע "טעקס" וואס איז ביז יעצט ארויפגעשטעלט געווארן אויף די נייע "טשעסנאט רידזש" דעוועלאפמענט.

די פאזיטיווע אנטוויקלונג קומט נאך א העפטיגע און פארצויגענע געראנגל אויפ'ן לעגאלן פראנט דורך די ארטיגע שתדלני הכלל, און איבערהויפט אזוי די צוויי היימישע "טראסטיס", וועלכע זענען ערוועלט געווארן צו קעמפן פאר די אינטערעסן פון די אידישע איינוואוינער און האבן אין די לעצטע לענגערע תקופה ערמעגליכט מיט זייער פאליטישן כח אז דער פאזיטיווער אפמאך זאל ענדליך צושטאנד קומען.

### וויאזוי בלומינגבורג איז געטוישט געווארן אדאנק די ערוועלטע היימישע דעלעגאטן

ס'איז גוט באקאנט וויפיל דער היימישער ישוב אין "בלומינגבורג, ניו יארק", איז אריבערגעגאנגען זינט איר התייסדות מיט 7 יאר צוריק. רבות רעות שבעה נפשם מיט אלע ערליי שעדליכע רדיפות און אויספארשונגען וואס איז געווארן געטריבן פון לויטער שנאת ישראל און האט צום באדויערן געפירט צו טרויעריגע קאנסקעווענצן פאר עטליכע פון אחב"י.

אין אלגעמיין איז די גאנצע אטמאספערע אין דעם ארטיגן ווילעדזש געווען אויסטערליש פיינטליך און העסליך קעגן די אידישע איינוואוינער און מען האט זיך כסדר אנגעשטויסן אין פרישע שטרויכלונגען ביי יעדע שריט וואס מען האט געוואלט דורכפירן, אין אלע געביטן פון א אידישע שטאט.

אלעס האט זיך אבער דראסטיש געטוישט ווען תושבי העיר האבן מיט א צייט צוריק געטון דעם אחריות'דיגן און תורה'דיגן שריט פון אריינוועלן אייגענע היימישע קאנדידאטן אלס "טראסטיס" אין דער ארטיגער ווילעדזש באורד, בהתייעצות ובברכת הרבנים הגאוה"צ שליט"א, און בעיקר אז די תושבים ארבעטן פאראייניגט צו שטימען פאר קאנדידאטן מיט א פאראייניגיטע אחריות.

די צוויי ענערגישע אינגעלייט הר"ר אהרן הערש ראבינער הי"ו און הר"ר זאנוויל ווייסגארטן הי"ו זענען געלאפן אין דעם לאקאלן פארמעסט און האבן טאקע געווינען אין די וואלן, אדאנק די פאראייניגטע שטימע פון אלע איינוואוינער וועלכע האבן פארשטאנען דעם אחריות פון אזא מאמענט און ס'איז א מציאות וואס יעדער זעהט אז זינט עס זענען אריינגעקומען אט די היימישע טראסטיס אין דעם ארטיגן ווילעדזש, האט זיך מיטאמאל געענדיגט די אלע רדיפות און שיקאנירונגען וואס אידן זענען אריבער אויף א סיסטעמאטישן פארנעם.

ווי בלומינגבורגער איינוואוינער צייגן אַן האט די אנוועזנהייט פון צוויי געטרייע פארטרעטער פון די אידישע איינוואוינער נישט בלויז געהאלפן אז מען זאל קענען ערהאלטן די בארעכטיגע פערמיטן און אנדערע ווילעדזש אנגעלעגנהייטן, נאר עס האט בפועל רעדוצירט די פלאמען פון שנאה און די גאנצע אטמאספערע איז רואיגער געווארן, ווען די ארומיגע שכינים האבן זיך דערזען מיט דעם געשעענעם פאקט אז די אידן ווערן געטריי פארטרעטן אין דער ווילעדזש און טאון קארידארן, אזוי ארום אז די צייטן פון דיסקרימינירן קעגן אידן איז געענדיגט.

אין די קורצע צייט האבן די אידישע טראסטיס דורכגעפירט א רייע פון פראיעקטן אויף אלע פראנטן, צו ערהאלטן פערמיטן פאר אידישע געשעפטן, צו באקומען ריינע וואסער, צו פארבעסערן דעם אינפעסטרוקטור פון די ראודס, באלייכטן די גאסן, פארבעסערן די זאונינג קאודס, א.א.וו. וואס דאס איז אלעס בלויז צושטאנד געקומען דורך דעם וואס עס זענען אריינגעוועלט געווארן אייגענע אידישע קאנדידאטן, וואס פארשטייען די געברויכן פונעם ציבור און זענען גרייט צו ארבעטן פאר'ן ציבור.

### די דערלייכטערונג מיט די שטייערן רעדוקציע - נאך שתדלנות פון




יחד ארגעניזאציע אין בלומינגבורג מעלדט די פריידיגע באריכט

## ערוועלטע פארטרעטער

איינס פון די שווערסטע שיקאנירונגען, דירעקט געצילט קעגן די ארטיגע אידישע איינוואוינער, איז געווען די אויסטערליש הויכע "טעקס" ראטע וואס תושבי העיר, וועלכע האבן זיך אריינגעצויגן אין די נייע "טשעסנאט רידש" דעוועלאפמענט, האבן געדארפט צאלן אָן קיין שום לאגישע אורזאך. דאס האט אויך זייער שווער געמאכט דעם וואוקס פון דער געגנט, צוליב דעם וואס מענטשן האבן זיך אפגעהאלטן פון קויפן הייזער וויסנדיג אז מען וועט דארפן צאלן אזעלכע געפעפערטע שטייערן דערויף.

דאס איז געווען צוליב וואס מיט עטליכע יאר צוריק ווען די טאון-און-מאמקעטונג - וועלכע איז נאך דאן געווען אונטער א רשעות'דיגע אדמיניסטראציע - געטאן יעדע פעולה וואס נאר שייך מחמיר צו זיין אינעם הלכה בידוע, אין א פרואוו אפצוהאלטן דעם וואוקס האבן זיי אויסגעניצט איר מאכט ארויפצוריקן די עסעסמענט פון די טשענסנאט רידש הייזער, וואס דאס האט שטארק געהעכערט די יערליכע שטייערן.

די טשענסטנאט רידש דעוועלאפער האבן געקלאגט די טאון אין געריכט, די טאון האט פארשוועבד אסאך שטייער געלטער צוריקצושלאגן מיט ציין-און-נעגל און נישט געוואלט הערן פון קומען צו א פארשטענדעניש אזוי ווי א טאון טוט געווענטליך אין אזעלכע פעלער, די דעוועלאפער'ס האבן אויפגענומען א ריזיגע אדוואקאטן פירמע און זיך געלאזט קאסטן אן א שיעור געלט - דמים תרתי משמע - צו ברענגן אן ענדע צו די געפערליכע אומרעכט.

אינצווישן האבן תושבי העיר בלומינגבורג ווידעראמאל ארויסגעוויזן א פאראייניגטע כח השתדלנות און אריינגעוועלט א נייע אדמיניסטראציע אינעם טאון און זאכן האבן זיך אנגעהויבן רוקן לטובה, די דעוועלאפער'ס האבן געארבייט האנט ביי האנט מיט די "יחד" ארגאניזאציע, און ברוך השם - עטליכע טעג פארן טרייעל דאטום - האט די טאון זיך געבראכן און איינגעגאנגען אויף א פארשטענדעניש צו נידערן די עסעסמענט אויף $152,000, רעכענדיג די סקול/טאון/ווילעדש טעקס קומט עס אויס $9,812, אראפ פון די ביז איצטיגע $200,800 עסעסמענט. (די ציפערן זענען בערך, יעדע הויז ווערט באזונדער געשאצט, לדוגמא א קארנער, אפגרעיטעד, וכד').

די נייע ביליגע שטייער איז שוין פאקטיש אריין אין קראפט, עס וועט שפארן פאר יעדן אייגענטומער בערך צוויי טויזענט דאלער [קאלעקטיוו באטרעפט עס אריבער א פערטל מיליאן דאלער געשפארט] בלויז אויף די סקול שטייער ביל וואס ווערט ארויסגעשיקט אין די טעג.

דעם דינסטאג נאכט האט די טאון באורד באשטעטיגט מיט א מערהייט דעם אפמאך, די נייעס האט זיך בליץ שנעל צושפרייט צו דער פרייד פון תושבי קרית יטב לב בפרט, שליסענדיג דעם סאמע לעצטן - פון 22 - געריכט קלאגע'ס דורכאויס די יארן, און לאזט איבער א גלארייכע צוקונפט פארן שטאט וועלכע וואקסט און בליעט אויף אלע פראנטן.

און ווי ערוועגט, נאך לענגערע חדשים פון השתדלות און פארהאנדלונגען, האבן די ערוועלטע היימישע פארטרעטער פון בלומינגבורג באוויזן צו דערגרייכן אן אונטערגעשריבענעם אפמאך ווען די טאון האט איינגעשטימט אויפ'ן נייעם "עסעסמענט", פאר א פיל ביליגערע ראטע וואס וועט דראסטיש נידערן די יערליכע שטייערן פון סקול, טאון און ווילעדזש, און זייער שטארק פארגרינגערן פאר אחב"י וואס האבן געקויפט, און ווילן ווייטער קויפן, הייזער אין יענעם געגנט. לויט'ן אפמאך וועט די 'טאון' אויך צוריק צאלן דאס גאנצע געלט פון דאס יאר, לויט די נייע ביליגערע ראטע.

פארשטענדליך אז די גאנצע פראצעדור איז געווען פארוויקלט מיט אסאך טעכנישע און לעגאלע איינצלהייטן ווען מען האט כסדר געדארפט האבן די הילף פון דעם טאון באורד און אנדערע לאקאלע באהערדע, וואס בלויז אדאנק די ערוועלטע היימישע עסקנים, האט דאס געקענט פאראויסגיין מיט אזא סוקסעס און הצלחה.

די געשיכטע אין אונזער שכינות'דיגע 'בלומינגבורג' איז ווירקליך א פאסיגע לעקציע וואס ציינט בלויז ווידעראמאל די גרויסע איינפלוס און געוואלדיגע פּאָטענציעל וואס איז פארהאן מיט א געמיינזאמע און אחדות'דיגע וואל - כח ווען מען קען בעז"ה אריינוועלן אייגענע פארטרעטער מיט אידישע הערצער, וואס זאלן ברענגען טובות און קעמפן פאר די רעכטן פונעם פרט און פונעם כלל, אָן קיין באגרעניצונגען.

**וממנו נקח לעבוד את ה'!**


לומינגראוו
באחדות
יעדער יחיד • פאַר אונזער עתיד!

וויכטיגע מעלדונג!!

תושבי בלומינגראוו, בפרט די וואס זענען פארנומען אינדרויסן פון געגענט, ערב יו"ט, אדער פארן אוועק אויף אומאן וכדומה אויף ראש השנה, און וועלן

**נישט קענען שטימען פערזענליך אינעם וואל ארט אין די טאג פון די עלעקשאנס קומענדיגן דינסטאג סליחות הבעל"ט**

למספרם סעפטעמבער 15

**קענען האבן די מעגליכקייט צו**

**שטימען עבסענטי**

**צו מסדר זיין א עבסענטי בעלאט**

**רופט מוה"ר אורי דייטש הי"ו**

**845-662-9409**

**וואס וועט אייך ארויסהעלפן אויף א פערזענליכע פארנעם**

כאפט אריין א זכות פאר'ן יום הדין, ארויסצוהעלפן אנדערע אידן, און אייך אליין, און בזכות זה ווערט אנגעשריבן מיט א כתיבה וחתימה טובה בכל מילי דמיטב

**שישו ושמחו בשמחת תורה**

# אומבאשרייבליכער שמחת התורה אויף די גאַסן פון בלומינגראוו ביים פייערליכער מעמד הכנסת ספר תורה צום בית המדרש קאָריץ

## געשריבן און אַריינגעגעבן דורך די מתפללי ביהמ״ד בראשות האבד״ק קאריץ שליט״א

**בלומינגראוו. - קיינמאָל פריער האָבן די גאַסן אין בלומינגראוו נישט מיטגעהאַלטן אַזאַ מעמד הוד ומרומם ווי די וואך זונטאָג, ווען די גאַסן פון די שכונה האָבן געווירבעלט מיט א שמחת התורה, מיט הונדערטער אידן חסידים ואנשי מעשה וואָס האָבן געטאַנצן אויף די גאַסן מיטן גאַנצן חסידישן ברען און התלהבות, ביים מעמד הכנסת ספר תורה וואָס איז אַריינגעגעבן געוואָרן צום קאָריצער ביהמ״ד אין די געגענט, וששו ושמחו בשמחת התורה.**

דער קאָריצער ביהמ״ד אין בלומינגראוו, איז איינס פון די שיינע בתי מדרשים אין די געגענט וואו עס האָבן זיך קובע מקום געווען לתורה ותפלה א צאָל מתפללי ביהמ״ד בראשות האבדק״ק הרה״ג רבי מאיר בערקאָוויטש שליט״א נכד אדירי התורה הגאון האדיר דומ״ץ קרית יואל שליט״א, בן לבנו הרב הגאון רבי חיים יחזקאל שליט״א מו״ץ בקרית יואל, וכ״ק הגה״צ גאב״ד קאַרלסבורג שליט״א חתן בנו הגה״צ רבי משה שליט״א רב הצעיר דקאַרלסבורג.

דער ביהמ״ד איז נקראת על שמו פון הרה״ק רבי פנחס מקאָריץ זי״ע פון וועמען דער רב שליט״א איז אַן אייניקל מצד אמו הרבנית תחי׳ טאָכטער פון הגה״צ המפו׳ רבי אשר מרגליות שליט״א אבדק״ק אהל משה וויען. דער ביהמ״ד איז ב״ה אויסגעשטיגן לשם ולתפארת, און האָט זיך באַקאַנט געמאַכט אַלס איינס פון די שענסטע בתי מדרשים אין די געגענט, אן ביהמ״ד וואו די מתפללים זענען אַזוי שטאַרק מקפיד אויף קדושת ביהמ״ד, און וואו מ׳הערט כסדר הערליכע בעלי תפלה ביי אַלע תפלות בשבתות וימים טובים וימות החול.

### הכנה דרבה

מיט א צייט צוריק האָבן די מתפללי ביהמ״ד זיך צוזאַמגענומען לדבר מצוה, צו שרייבן א בשותפות׳דיגע ספר תורה מיט אַלע הידורים, און אַצינד ווען די ספר תורה איז פאַרענדיגט געוואָרן, איז באַשטימט געוואָרן צו באַנייען די ספר תורה אינעם פאַסיגן זמן, די וואך זונטאָג, י׳ אלול ווען עס איז אויסגעפאַלן די הילולא קדישא פון הרה״ק רבי פנחס׳ל קאָריצער זי״ע וואָס די ספר תורה איז געשריבן געוואָרן לזכר קדשו.

די ראשי הקהלה וגבאי ביהמ״ד האָבן אין די טעג פריער אַריינגעלייגט איבערמידליכע כחות מסדר צו זיין אַלע פרטים פון דעם מעמד, און מ׳איז געזעסן מיט די פּאָליצייאישע באַאַמטע אויסצואַרבעטן אַלע דעטאַלן אויף טריט און שריט, צו קענען פראַווען דעם מעמד לשם ולתפארת.

### כתיבת האותיות

די שמחה האָט זיך אָנגעהויבן זונטאָג נאָכמיטאָג ביים ״כתיבת האותיות״ אין שטוב פון הרבני הנגיד ר׳ יוסף ברוך רייך הי״ו מראה״ק דק״ק קאָריץ, וואו עס האָט געשטראָמט א ריזיגער ציבור אַריינצושרייבן אותיות אין די נייע ספר תורה. עס האָבן זיך אָנגעזען אידן פון אַלע געגענטער אַרום און פילע אידן פון קרית יואל, וואָס זענען געקומען זיך מיטפרייען ביי די שמחה פון די קהלה הרוממה, און א לענגערע שורות האָבן זיך געשלענגלט ביים שרייבן אותיות מיטן סופר מומחה הר״ר צדוק היילברון שליט״א.

די מקוה אין די געגענט איז ספּעציעל געווען אָפן במשך די צייט, וואו פילע משתתפים האָבן מקבל געווען תוספות טהרה איידערן שרייבן אַן אות אין די נייע מהודר׳דיגע ספר תורה.

באַזונדער האָט זיך אָנגעזען ביי כתיבת האותיות דאָס השתתפות פון די רבנים הגאונים רבני העיר ורבני השכונה שליט״א ובראשם הגאון האדיר דומ״ץ קרית יואל שליט״א, וועלכער האָט אַריינגעשריבן עטליכע אותיות און דערנאָך געפּראַוועט א מסיבת לחיים ביי וועלכן דער דיין האָט וואַרעם אָנגעוואונטשן פאר נכדו אבדק״ק קאָריץ שליט״א און פאר אַלע מתפללים ומשתתפים. אויך האָבן זיך אָנגעזען די אַנדערע רבנים הגאונים שליט״א, צווישן זיי: כ״ק אדמו״ר מצאַנז זמיגראַד שליט״א, הגה״צ אבדק״ק ראדאוויץ שליט״א, וועלכער האָט טראָץ חולשת גופו זיך מטריח געווען צו ערשיינען; הגה״צ רבי יואל הלברשטאם שליט״א רב דביהמ״ד דקהל יטב לב, הגה״צ רבי אלעזר טייטלבוים שליט״א, חדב״נ כ״ק מרן אדמו״ר מסאטמאר שליט״א, כ״ק אדמו״ר מזאבליטאוב שליט״א, הגה״צ אבדק״ק קרעמניץ שליט״א און נאָך.

וואָס א מינוט שפּעטער האָט די געגענט אַלס מער און מער באַקומען א יום טוב׳דיגע צורה, ווען עס זענען אָנגעקומען הונדערטער אידן אַלע מלובש בבגדי שבת, גרייט מיטצוהאַלטן די פייערליכע חגיגה ומעמד הכנסת ספר תורה.

### בחוצות עיר בלומינגראוו

צו די באַשימטע האָט מען גולל געווען די ספר תורה. מיט ״הגבה״ איז מכובד געוואָרן דער פאָטער פונעם קאָריצער רב הגה״צ רבי חיים יחזקאל בערקאָוויטש שליט״א מו״ץ בקרית יואל, מיט גלילה דער בעל אכסניא ר׳ יוסף ברוך רייך הי״ו, און דער רב שליט״א האָט אָנגעטון דעם כתר פאר די ספר תורה. גלייך האָט מען זיך אַריינגעלאָזט אין פייערדיגע ריקודין דאָרט אויפ׳ן פּלאַץ.

דער רב שליט״א האָט איבערגענומען די ספר תורה, און אַזוי מיט התלהבות׳דיגע ריקודין אַרויסגעפירט די ספר תורה לרחובה של עיר. עס האָט זיך אַנטפּלעקט א פּראַכטפול בילד וואָס וועט קיינמאָל נישט אַרויסגיין פון זכרון פון די אַלע וואָס האָבן דאָס מיטגעלעבט, ווי אידן טאַנצן אויף די גאַסן פון בלומינגראוו מיטן גאַנצן חסידישן ברען, און מ׳איז מכרכר ומפזפז בכל עוז לכבוד די הייליגע תורה ווי











אין אַלט-פּאַרצייטישע חסיד׳ישע שכונות.

פּאָרענט פון די פּראַכטפול-באַצירטע חופּה האָבן מאַרשירט די ילדי תשב״ר פון די געגענט, אונטער דער געניטער אָנפירערשאַפט פון המלמד הדגול מוה״ר בערל שוואַרטץ שליט״א און מוה״ר ??? טויב שליט״א.

גאָר שטאַרק איז באַוואונדערט געוואָרן די גדרי הצניעות צו וועלכן מ׳האָט זיך געהאַלטן דורכאויס די גאַנצע תהלוכה, ווען די נשים צדקניות האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער צו איין זייט, והי׳ המחנה קדוש.

אַזוי האָט מען מאַרשירט פּאָראויס לכל אורך הדרך ביז צום ביהמ״ד, לענגאויס די עטליכע גאַסן וואָס זענען געווען אָפּגעשלאָסן פאַר׳ן פאַרקער דורך די לאָקאַלע פאליצייט, און אויפ׳ן גאַנצן וועג איז די ספר תורה איבערגענומען געוואָרן דורך די חשוב׳ע מתפּללים און משתתפים וועלכע האָבן זיך מיטגעפריידט בשמחת התורה בכל עוז ותעצומות, טאַנצנדיג מיט די ספר תורה מיטן ריכטיגן כבוד התורה.

## ריקודין של שמחה

נאָך א לענגערע צייט וואָס מ׳האָט זיך משמח געווען מיט די ספר תורה אויפ׳ן גאַס, איז די ספר תורה איבערגענומען געוואָרן דורך הגאון האדיר דומ״ץ קרית יואל שליט״א, וועלכער האָט אַריינגעפירט די ספר תורה אין ביהמ״ד, און געפּראַוועט די הקפות מיט גרויס התרוממות הנפש, ווען דער גאַנצער אַרום טאַנצט מיט בעוז ותעצומות. דער ביהמ״ד איז געווען איבערגעפולט עד אפס מקום, און מ׳האָט שווער געקענט עפּענען א שמאָלן דורכגאַנג צו קענען פּראַווען די ריקודין של שמחה מיט די ספר תורה כנהוג. דער דיין שליט״א האָט דערנאָך מכבד געווען די אַנדערע רבנים הגאונים שליט״א צו טאַנצן מיט די ספר תורה, ווי אויך זענען מכובד געוואָרן די חשוב׳ע עסקנים ופּני הביהמ״ד צו פּראַווען א ריקוד מיט די הייליגע תורה.

נאָכ׳ן אַריינלייגן די ספר תורה אין ארון הקודש, האָט הגה״צ הדומ״ץ שליט״א פּאָרגעזאָגט "לדוד מזמור" מיט גרויס התעוררות, און דער גבאי ביהמ״ד האָט געזאָגט "קדיש" לע״נ אמו ע״ה.

## לגומרה של תורה

זייענדיג אונטערן געהויבענעם רושם פון דעם כבוד התורה וואָס מ׳האָט געהאַט די זכי׳ אָפּצוגעבן, איז מען אַריבערגעפאָרן צום זאַל פון "קרן ויואל משה" וואו עס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן די סעודה לגומרה של תורה, צוזאַמען מיט די סעודת הילולא פון הרה״ק רבי פּנחס מקאָריץ זי״ע. א פלאָטע פון באָסעס זענען געשטאַנען גרייט אַריבערצוברענגען דעם ציבור משתתפים פון בלומינגראוו צום זאַל פון קרן ויואל משה.

דער זאל איז געווען הערליך אָנגעגרייט לכבוד המעמד ולכבוד התורה הק׳, און עס איז געווען א מחזה הוד צו זען דעם הערליך פאַרזאַמעלטער ציבור וואָס האָט איבערגעפולט דעם זאל עד אפס מקום. שפּעטער האָט מען געדאַרפט צולייגן נאָך טישן און בענקלעך צו קענען אַקאָמאַדירן דעם ציבור משתתפים.

במשך די גאַנצע צייט האָט א קאַפּעליע מנגנים מהנה געווען מיט הערליכע נגינה לכבוד המעמד ולכבוד הימים נוראים מיט וואַרעמע און פריילוכע ניגונים מעניני דיומא.

## דברי תורה וסיפּורי צדיקים

דער מעמד איז געעפענט און אָנגעפירט געוואָרן דורך האברך החשוב מוה״ר מתתי׳ ברמ״י דייטש הי״ו מחשובי מתפּללי ביהמ״ד,

וועלכער האָט מיט זיין לשון לימודים געהאַלטן דעם ציבור געשפּאַנט בדברים של טעם וואָס האָט ביי יעדן שטאַרק אויסגענומען.

מיט פּאַסיגע אינטערעסע האָט דער ציבור זיך צוגעהערט צו די הערליכע סיפּורים וואָס איז דערציילט געוואָרן דורך הרבני הנגיד בנש"ק מוה"ר פּנחס שפּירא הי"ו נכד בא"ב פון הייליגן רבי פּנחס'ל קאָריצער זי"ע, וועלכער איז כסדר נושא בעול פאר די הצלחה פונעם ביהמ"ד וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זיין הייליגן זיידן זי"ע, און האָט אַצינד דערציילט סיפּורים ועובדות מגדולת קדושתו.

מיט יראת הכבוד האָבן די פאַרזאַמעלט צוגעהערט די דברי תורה וואָס מ'האָט געהאַט די זכי' צו הערן פון הגאון האדיר הדומץ שליט"א, וועלכער האָט מיט גרויס התרגשות אַרומגערעדט איבער דאָס גרויסקייט פון כתיבת ספר תורה, ומענין לענין אַרויסגעברענגט בשבח הביהמ"ד וואָס עס קומט אים כסדר אויס צו הערן, זייענדיג א הערליכער מקום וואו מ'געט אַזוי שטאַרק אַכטונג אויף קדושת ביהמ"ד, בכחו פון זיין טייערן אייניקל נכדו חביבו רב הביהמ"ד שליט"א וואָס דער דיין שליט"א האָט שטאַרק מרבה געווען בשבחו, אויספירענדיג מיט ברכות לרוב.

ספּאָנטאַן האָט דער ציבור זיך אַרויסגעלאָזט אין א פייערדיגן ריקוד, ביי וועלכן עס איז געקומען צום אויסדרוק דער אהבת וחביבות התורה וואָס טליעט אין די הערצער, און דער ערהאַבן בילד ווי הונדערטער אידן טאַנצן צוזאַמען אין שפּיץ מיט די גדולי הרבנים שליט"א אויפ'ן אויבן-אָן וועט אויף לאַנג בלייבן אין זכרון.

## דבר הביהמ"ד

א קורצע, אָבער אינהאַלטסרייכע דרשה איז געהערט געוואָרן דורכ'ן ענערגישער גבאי הביהמ"ד האברך החשוב מוה"ר ישראל מרדכי יהושע פילעפף הי"ו, וועלכער

האָט בין הדברים אַרויסגעברענגט אַז אַצינד ווען מ'געט אַריין א ספר תורה, איז דאָס א בחינה פון "הדר קבלוה" איז א פּאַסיגער זמן זיך פריש מקבל צו זיין, נישט צו רעדן ביים דאַווענען ובפרט בשעת קריאת התורה, און טראָץ וואָס דער ביהמ"ד שמ'ט מיט דעם גוטן נאָמען פון זהירות בכבוד ביהמ"ד, איז אין מזרזין אַלע למזורזין, זיך דאָס אַצינד נאָכאַמאָל מקבל צו זיין.

נאָכ'ן זינגן א ריי ניגוני התעוררות לכבוד התורה ולכבוד הימים נוראים, איז געקומען דער הויכפּונקט, די דרשה פון קאָריצער רב שליט"א, וועלכער האָט מאריך געווען מיט הערליכע ציצים ופרחים לכבוד התורה, און אַרויסגעברענגט בשבח המקום פון די קהלה נאה וחסודה וואָס מיוסד אויף די ג' עמודי עולם, תורה, עבודה און גמילות חסדים, "תורה" דער באַרימטער שיעור וואָס ווערט יעדע נאַכט פאָרגעלערנט בין כותלי ביהמ"ד, ביי וועלכן מ'האָט שוין ב"ה מסיים געווען רוב סדר מועד ומחיל אל חיל גייט מען ווייטער מסכת נאָך מסכת, "עבודה" די פייערדיגע תפלות בכלל, ובפרט בשבתים וימים טובים וואָס ווערט באַוואונדערט דורך סיי וועמען עס קומט אַריין אינעם ביהמ"ד, און "גמילות חסדים" ווי יעדער העלפט זיך אַרויס איינער דעם צווייטן מיט אַזאַ געטריישאַפט ווי מ'וואָלט געווען איין גרויסע משפחה.

דער רב שליט"א האָט אויך אַרויסגעברענגט די שמחה איבער דער הרחבת גבולי הקדושה, וואָס מ'גרייט זיך אין די קומענדיגע תקופה שוין אָנצוהייבן בויען דעם נייעם בנין פאַר'ן ביהמ"ד וואָס וועט זיין א שיין גרויס מקום צוגעשטעלט מיט אַלע צוגעהערן, א פּראַכטפולע מקוה, און אַלע באַקוועמליכקייטן, וואו די מתפּללים וועלן קענען שטייגן אין אַלע ענינים מיט א געוואַלדיגן הרחבת הדעת דקדושה.

נאָך די הערליכע דברי תורה, האָבן די קינדער, ילדי חן פונעם ביהמ"ד פאָרגעזינגן הערליכע גראַמען, און דאַן זענען אַלע קינדער פאַררייבער ביים רב שליט"א, וועלכער האָט יעדן געשאנקן א הערליכע מתנה, א שיינעם תהלים אַלס מזכרת פון דעם מעמד. אויך אין עזרת נשים האָבן די טייערע תלמידות באַקומען די מתנה פון די רביצין תליט"א.

מ'האָט אויך געהערט שיינע האַרציגע חרוזים פון הבדחן המפו' מוה"ר יואל ברוין הי"ו, און דערנאָך איז מכובד געוואָרן מיט ברכת המזון הרבני הנגיד ר' פּנחס שפּירא הי"ו.

אין די שפּעטע נאַכט שעות איז דער ציבור זיך צוגעגאַנגען מיט א געהויבענע געפיל, האָבנדיג מיטגעלעבט אַזעלכע געהויבענע שעות של שמחת התורה וואָס וועט אויף שטענדיג בלייבן איינגעקריצט אין זכרון.


בס"ד

ביהמ"ד אמרי פנחס
קאריץ
בלומינגראוו יע"א
בנשיאות הגה"צ רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א

הטיבה ה' לטובים ולישרים בלבותם

אחר שזכינו בעזהשי"ת
לבא לגומרה של תורה, בשמחת
**הכנסת ספר תורה לבית מדרשינו**
שהיה שמחה גדולה, ומעמד נהדר ונשגב, ועלה בהצלחה
וסייעתא דשמיא למעלה מן המשוער

עלינו לשבח ידידינו היקרים, כולם אהובים וברורים
**עסקני בית מדרשינו**
**שהפליאו לעשות מלאכת מחשבת, ולשבחם יאמר ההצלחה הגדולה**
יתברכו מאת נותן התורה, בכל הברכות האמורות בתורה

והנה כן יבורכו, שתדלני הציבור, עסקנים נמרצים לטובת עירינו
**חברי הנהלת יו.זשעי.סי.**
ובראשם ידידינו, איש חי ורב פעלים, איש החסד, איש אמונים
**מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו**
אשר בקשרונות, ובכשרונותו הברוכים עלה בידו
**לסדר הפערמיט'ן אצל הפאליציי**
**וכל פרט ופרט היה מסודר עצהיו"ט**
יברך ה' חילם ופועל ידם תרצה, וישרה שכינה במעשי ידיהם

**התנצלות**
**בזה באנו להתנצל לפני הציבור, שלאור הציבור הגדול**
**שהתאספו לא היה באפשרותינו לכבד כל אחד ואחד בכבוד**
**הראוי, ושגיאות מי יבין, ואתכם הסליחה**

בכבוד רב
**הנהלת בית המדרש**







# הנהלת ישיבת וויזניץ וויליאמסבורג גרייט זיך בעז"ה צו עפענען די ישיבה אין אונזער שטאט בלומינגראוו





מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

אין דעם קאָלום וועלן אי"ה ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.

אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.

שרייבט צו דער רעדאַקציע:
BGVoice@UJCofBloomingGrove.org


## לכבוד די רעדאציע פון דעם "בלומינגראוו שטימע" הע"י.

גראדע בין איך נישט דער גרויסער שרייבער, וויל איך זיך פשוט באדאנקן אויף מאמע לשון פאר די געטרייע ארבעט פון אונזערע שלוחי הציבור אין די "יו. דזשעי. סי.", וועלכע טוען אונז אלע שפארן כסדר עגמת נפש און געלט שאדן.

כ'האב עס יעצט מיטגעהאלטן וויאזוי עס האט זיך געמאכט א פראבלעם מיט א הויז אין די "לעיק שאור" געגנט, וואו די סאניטאציע דעפארטמענט האט נישט געוואלט אויפפיקן די גארבידזש. אין צוגאב איז געליגן דערנעבן א "קאנטעינער" מיט בוי מאטריאל, וואס מיר זענען צוגעוואוינט פון די פארלאפענע יארן אז דאס באדייט א געשוואלענעם "ווייעלעישען" דורך די "בילדינג דעפארטמענט".

וואס זאל איך אייך זאגן ? מיר האבן זיך פארבינדן מיט די "יו. דזשעי.סי." און זאכן זענען ב"ה געפאלן אין פלאץ אויפ'ן בעסטן און שענסטן פארנעם. די גארבידזש איז אויפגעפיקט געווארן און מען איז אפגעקומען אָן קיין שום "ווייעלעישאנס" אדער "פיינס"!

באמת איז דאס בלויז איין ביישפיל. ווייל דורכאויס דאס לעצטע יאר איז שוין געווען צענדליגער פעלער וויאזוי די "יו. דזשעי. סי." האט אויף דעם אופן איינגעשפארט אסאך עגמת נפש און געלט שאדן פאר'ן ציבור. מען קען ב"ה זאגן בפה מלא אז די "ווייעלעישאנס" וואס מען פלעגט דא באקומען רעכטס און לינקס האט זיך כמעט ווי געענדיגט, זינט די געטרייע שתדלנים שטייען אין פארבינדונג מיט די נויטיגע אינסטאנצן, מען ארבעט אינאיינעם און מען מאכט זיכער צו פארמיידן שאדנס פון אידיש געלט.

ביטע ארייננשטעלן מיינע עטליכע שורות פון הכרת הטוב, יישר"כ.

**א.מ.**

די אויסגעפילטע 'מפואר' ארדער
דארף מען איבערגעבן צו

**פעלדמאן**
**20 Green Rd**

**מ'קען עס אויך ארײנלײגן אין די פאסט קעסטל**

אזוי אויך קען מען עס צוריקשיקן עלעקטעראניש:
**Sales@MefoarJudaica.com**

פילט ארײן אײער נאמען,
טעל. און אדרעס און
א קרעדיט קארד פאר
אײער ארדער

Name: ____________________

Tel. ____________________

Address ____________________

South Blooming Grove, New York 10950

❑ Visa ❑ MasterCard ❑ Discover ❑ Amex

| | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | | | | | | | |

CVV Code/ Card ID ____________ Exp. ____ - ____ Zip ________

Signature ____________________

איש את רעהו יעזורו
לכבוד תשרי
• בלומינגראוו תשפ"א •

# איש את רעהו יעזורו

# לכבוד תשרי

## • בלומינגראוו תשפ"א •



United Jewish Community of Blooming Grove

**30% & More OFF** (From Reg. price)

## וואלענע ציצית

| סייז | בלי ציצית | Your Quantity | דינע ציצית | Your Quantity | דיקע ציצית | Your Quantity | פרינזשעס | Your Quantity | פרינזשעס דיקע | Your Quantity |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 18 | $18.00 | | $21.00 | | $23.50 | | $24.00 | | $27.00 | |
| 20 | $19.00 | | $22.00 | | $24.50 | | $25.00 | | $27.50 | |
| 22 | $21.00 | | $24.00 | | $26.50 | | $28.00 | | $30.50 | |
| 24 | $22.00 | | $25.50 | | $28.00 | | $29.00 | | $32.00 | |
| 26 | $24.00 | | $27.00 | | $30.00 | | $30.00 | | $33.00 | |
| 28 | $26.00 | | $29.00 | | $31.00 | | $33.00 | | $35.00 | |

## קאטענע ציצית

| סייז | V NECK | Your Quantity | ROUND | Your Quantity |
|---|---|---|---|---|
| 8 | 8.00 | | 8.00 | |
| 10 | 8.00 | | 8.00 | |
| 12 | 8.50 | | 8.50 | |
| 14 | 8.50 | | 8.50 | |
| 16 | 8.75 | | 8.75 | |
| 18 | 9.00 | | X | |
| 20 | 9.00 | | X | |
| 22 | 9.25 | | X | |
| 24 | 9.50 | | X | |
| 26 | 9.75 | | X | |
| 28 | 10.00 | | X | |

## טליתים

### טלית מיט ליינינג דיקע ציצית

| | Your Quantity | |
|---|---|---|
| 72X55 #60 | | $72 |
| 72X59 #70 | | $78 |
| 72X67 #80 | | $85 |

### טליתים NON SLIP

| | Your Quantity | |
|---|---|---|
| 72X55 #60 | | $90 |
| 72X59 #70 | | $100 |
| 72X63 #63 | | $110 |
| 72X67 #80 | | $125 |

### טלית גדול - שבת

| | כמו טערקיש (Your Quantity) | NON SLIP (Your Quantity) | |
|---|---|---|---|
| 72X55 #60 | | | $115 |
| 72X59 #70 | | | $125 |
| 72X63 #63 | | | $130 |
| 72X67 #80 | | | $135 |

אן ציצית איז די זעלבע פרייז, און איר באקומט א פעקל ציצית בחינם

## ציצית פעדימער

| Your Quantity | | |
|---|---|---|
| | דינע | $5 |
| | דיקע | $8 |
| | מנופץ דינע | $18 |
| | מנופץ דיקע | $25 |

# געימס, ביכער, קאמיקס

## פאר שטוינענדע 40%-30% הנחה

| You Pay | LIST PRICE | ITEM | Your Quantity | # ITEM |
|---|---|---|---|---|
| **Games And Toys** | | | | |
| $4.00 | $7.00 | Brochos Card Game | | 101 |
| $4.00 | $7.00 | Shabbos Card Game | | 108 |
| $4.00 | $7.00 | Tefilah Card Game | | 109 |
| $4.00 | $7.00 | Torah card game | | 114 |
| $4.00 | $7.00 | Alef Bais Card Game | | 115 |
| $4.00 | $7.00 | Food Card Game | | 116 |
| $4.00 | $7.00 | Colors Card Game | | 117 |
| $10.00 | $16.00 | Yumim Tovim Bingo Game | | 204 |
| $8.00 | $9.00 | alef bais memory game | | 208 |
| $9.00 | $10.00 | Pekelech Card Game | | 209 |
| $8.00 | $9.00 | Balagan Card Game | | 210 |
| $10.00 | $11.00 | Hupken Card Game | | 211 |
| $12.00 | $13.50 | Mitzvah Land Game | | 401 |
| $12.00 | $20.00 | Shabbos Seuda Game | | 402 |
| $15.00 | $24.00 | Gelt Board Game | | 415 |
| $15.00 | $24.00 | Lustig Street Game | | 416 |
| $17.00 | $25.00 | My Learn Book Game | | 411 |
| $15.00 | $22.00 | Aleph Beis Fun Pad Game | | 413 |
| $11.00 | $18.00 | Aleph Bais Floor Puzzle | | 301 |
| $9.00 | $13.00 | 4 Brochos Puzzles | | 308 |
| $9.00 | $13.00 | 4 Puzzles 12-16-20-24 pc. | | 309 |
| $9.00 | $10.00 | 4 Upsherne Puzzles 12-16-20-24 pc. | | 3012 |
| $35.00 | $38.00 | Pen Pal | | 423 |
| $14.00 | $15.50 | Shri Drei | | 118 |
| $5.00 | $5.50 | Diel Shpiel Card Game | | 119 |
| $10.00 | $16.00 | Brochos Party Game | | Tk090 |
| $20.00 | $32.00 | Motorized Emergency Rescue Train | | TK:TK009 |
| $14.00 | $15.50 | Chaptzem! | | TK:TK011 |
| $14.00 | $15.50 | Candy Swap/Chap A Nosh | | TK:TK015 |
| $14.00 | $14.50 | Take along Shul | | TK:TK016 |
| $14.00 | $15.50 | Take along Hatzollah | | TK:TK017 |
| $14.00 | $15.50 | Take Along School | | TK:TK018 |
| $14.00 | $22.00 | Water Beads Judaica | | TK:TK021 |
| $10.00 | $16.00 | Kosher Animal Set | | Tk:044 |
| $17.00 | $26.00 | Talis Set | | Tk047 |
| $10.00 | $16.00 | Grape Juice Game | | Tk048 |
| $6.00 | $6.75 | Wooden Puzzle Aleph Bais | | TK050A |
| $4.00 | $7.00 | Wooden Puzzle Brachos | | TK050B |
| $4.00 | $7.00 | Wooden Puzzle Farm | | TK050C |
| $4.00 | $7.00 | Wooden Puzzle Mitzvah Cars | | TK050D |
| $14.00 | $22.00 | The Candy Man Game | | TK059 |
| $10.00 | $16.00 | Shepard Game | | Tk064 |
| $70.00 | $110.00 | Beis Hamikdosh Lego set | | Tk065 |
| $18.00 | $27.00 | Alef Beis clicks | | Tk068 |
| $10.00 | $16.00 | Who Am I comics (Yiddish guess who) | | Tk074 |
| $10.00 | $16.00 | Plush Shabbos Set | | TK075 |
| $11.00 | $16.00 | Kids In The Park 60 piece puzzle | | Tk076 |
| $11.00 | $16.00 | V'ahavta L'reiacha 60 piece puzzle | | Tk077 |
| $11.00 | $16.00 | The Marketplace 100 piece puzzle | | Tk078 |
| $11.00 | $16.00 | The Marketplace 300 piece puzzle | | Tk079 |
| $38.00 | $52.00 | Bucket #1 20 menchies set | | Kv109 |
| $10.00 | $15.00 | Hadlukes Neiros menchies set | | Kv112 |
| $11.00 | $12.00 | Yerushalmi Set | | Kv113 |
| $16.00 | $17.50 | Refuah Sheime set | | Kv114 |
| $28.00 | $30.50 | Shabbos Family Set | | Kv115 |
| $80.00 | $110.00 | Mega Bucket 60 menchies set | | KV109VC |
| $1.00 | $2.00 | kugelech | | Tk089 |
| $75.00 | $110.00 | Beis Hamikdash Brick Constructor set | | Tk091 |
| $2.00 | $4.00 | Ready Set Color-Ellul/Tishrei coloring book | | Bzkinder BZ113 |

| | | | Your Quantity | |
|---|---|---|---|---|
| **New Releases** | | | | |
| $18.00 | $25.00 | שבתדיגע חברים הלכות שבת פאר קינדער אין קאמיקס | | 8032 |
| $18.00 | $24.00 | גורלדיגע באשלוס | | 8033 |
| $18.00 | $25.00 | דער עילוי האט געראטעוועט | | 8034 |
| $18.00 | $25.00 | איך הייס הערשי גרין | | 8035 |
| $18.00 | $25.00 | פעסטוריות אקציע | | 8037 |
| $20.00 | $26.00 | נאר איין שוויג | | 8031 |
| $18.00 | $24.00 | א דראמא אין סאהארא | | 8030 |
| $13.00 | $18.00 | דער זיידע דערציילט 10 | | 59910 |
| $18.00 | $25.00 | מיטגעלעבט חז"ל 3 | | 8038 |
| $16.00 | $23.00 | געכאפט דעם געדאנק משלים פון מגידים | | |
| **Comics** | | | | |
| $17.00 | $24.00 | דער פאנגער | | 5891 |
| $17.00 | $24.00 | אנטלאפן סובמארין | | 8008 |
| $13.00 | $18.00 | דער זיידע דערציילט - שבת #8 | | 5998 |
| $13.00 | $18.00 | דער זיידע דערציילט #9- | | 5999 |
| $13.00 | $18.00 | קלוגע אידן #2 | | 8010 |
| $22.00 | $30.00 | אין פייער אין וואסער טאהש קאמוקס | | 8007 |
| $18.00 | $24.00 | אין טיפן גרוב | | 8002 |
| $18.00 | $24.25 | דער פארלוירענער פרינץ | | 8003 |
| $18.00 | $25.00 | דע פליעדיגע שיף (זמורה) | | 8006 |
| $18.00 | $24.00 | שטארק ווי אייזן (קאנטאניסטן) | | 8001 |
| $16.00 | $23.00 | איו שאטן פון אינקוויזיציע | | 8018 |
| $15.00 | $23.00 | אויסגעשפילט דעם גלח | | 8016 |
| $15.00 | $23.00 | סוד פונעם עושר | | 8017 |
(זעהט בייגעלייגט די אימעילס, צו באגרייפן וויאזוי UJO איז געווען פארנומען אין די לעצטע וואכן מיט העפטיגע שתדלנות אונטער די קוליסן צו פארזיכערן טראנספארטאציע פאר אונזערע קינדער).

## מען האט אונז געהאט פארשפראכן אז אין די נייע פרייזן פון די יעצטיגע ביד איז אינקלאדעט באס רבי'ס און באס טיטשערס, וואס האט פאסירט?

אודאי האט מען אזוי גערעכנט, אבער דא האט מען זיך ווידער אנגעשטויסן מיט די באהערדע פון דער "וואשינגטאן וויל סקול דיסטריקט" וואס האבן אין אנהויב נישט געוואלט

הערן פון אזא געדאנק. הערשט בלית ברירה, נאך אקטיוו שתדלנות דורך די UJC האבן זיי אין פרינציפ מסכים געווען דערצו.

אבער למעשה, שטייענדיג אצינד אין די ערשטע טעג פונעם שולע יאר, האט די באס פירמע נאך נישט צוגעשטעלט קיין "באס מאניטערס" און דעריבער זענען די עסקנים אצינד שטארק פארטון אויף עטליכע פראנטן אז די סקול דיסטריקט זאל טאקע יא באצאלן דערפאר, ווי זיי האבן זיך אויסגענומען אינעם "ביד", אדאנק אונזערע שתדלנות.

אין צוגאב, האבן די געטרייע עסקנים אויסגעארבעט מיט די הנהלה רוחניות פון אלע 3 מוסדות אין קרית יואל, צו פארזיכערן אז מצד די מוסדות ווערט צוגעשטעלט מלמדים און טיטשערס אויף יעדן באס פון בלומינגראוו, אז אונזערע קינדער זאלן האבן די ריכטיגע באגלייטונג און שמירה.

מען האט ב"ה ערלעדיגט אז דאס זאל צושטאנד קומען אויף די קאסטן פון די מוסדות, און נישט אויף די הוצאות פון די עלטערן, און די UJC וועט ארויסהעלפן מיט די לאגיסטישע טייל צו באגלייטן די אונטערנעמונג מיט ערפאלג.

ביי דער געלעגנהייט דארף טאקע באדאנקט ווערן די געטרייע עסקנים, הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו, מטעם מוסדות תורה ויראה דרבינו יואל, הר"ר יואל שטערן הי"ו, מטעם מוסדות ויואל משה, און הר"ר שלמה פריעד הי"ו און הר"ר יואל שווארץ הי"ו, מטעם מוסדות בני יואל, וועלכע האבן אלע געארבעט אינאיינעם מיט די הנהלת המוסדות צו פארזיכערן אז יעדע באס זאל האבן א באס רבי, אדער באס טיטשער, אויף די קאסטן פון די מוסדות.

## ווער איז דיספעטשער מטעם UJC און צו האט די באס פירמע אַן אייגענע דיספעטשער? דער עולם איז זייער צומישט?

לאמיר איבערגיין די איינצלהייטן שטאפל נאך שטאפל.

במשך די פארגאנגענע חדשים, שוין פון פסח צייט, האבן די שתדלני הכלל שוין עוסק געווען אין דעם געביט, צו קענען בעז"ה אהערשטעלן דאס בעסטע טראנספארטאציע פאר אונזער געגנט. מען האט דעריבער געזוכט צו אויפנעמען

WHITEMAN OSTERMAN & HANNA LLP
Attorneys at Law
www.woh.com

One Commerce Plaza
Albany, New York 12260
518.487.7600
518.487.7777 (fax)

Robert S. Rosborough IV
Partner
518.487.7608 phone
rrosborough@woh.com

August 24, 2020

**VIA EMAIL**

Paul Nienstadt
Assistant Superintendent of Operations and Safety
Washingtonville Central School District
54 West Main Street
Washingtonville, NY 10992

Dear Mr. Nienstadt,

This firm represents the United Jewish Community Board of Blooming Grove, which has been in regular contact with you and other officials of the Washingtonville Central School District in relation to the School District's obligation to transport children who reside within the school district but attend non-public schools for the upcoming 2020-21 school year. We again request that you ensure that all students who are entitled to transportation under the Education Law receive those critical services this school year.

As you know, the Education Law mandates that public school districts provide transportation to public schools and nonpublic schools alike, including non-public religious schools. *See* Education Law § 3635. The mandates of Education Law § 3635 are clear: Washingtonville is required to provide transportation services to nonpublic school students that live within the statutorily prescribed distance of the school they attend at the District's sole cost and expense. The statute ensures that all students residing within a school district receive equal treatment in the form of the necessary transportation services to and from school, regardless of the school they attend.

Presently, Washingtonville is not fulfilling those obligations. As we have explained, there are a great number of students who are registered with the school district and plan to attend non-public religious schools, but do not appear on the District's final transportation list that was provided to the selected transportation company. Failure to provide transportation services to these children would deprive them of their constitutional rights under the Equal Protection Clause of the United States Constitution and their statutory rights to transportation under the Education Law.

Should the District continue to fail to satisfy its constitutional and statutory obligations to these children, we will have no choice but to pursue legal recourse to compel it to do so. Thank you for your consideration in this matter. Please do not hesitate to contact me if you have any questions.

Very truly yours,

Robert S. Rosborough IV

cc: Dr. Larry Washington
Lorine Van Put-Lamerand
Vanessa Sanchez
Jeanne DeLongis
Ralph Perez

**זענענדיג אז מ'מוז טאקע נעמען שריט, האבן מיר גענומען די לעגאלע פראוו און איינמעלדן דורך אדוואקאטן אז דאס וועט קומען צו גערעכטיגקייט דורך א לאו-סוט אז די סקול דיסטריקט האט במרמה געוואלט ארויסווארפן הונדערטער שטייער-צאלער אפליקאנטן וואס האבן זיך רעגיסטרירט. ב"ה עס האט נישט גענומען לאנג און "אלע" העכער 800 קינדער זענען געווארן אפראווד.**

(איר זעט דא א צעטעלע, אבער דאס האט געקאסט אויסער ממון ודמים, צייט, און פיזור הנפש, נאכ'ן ווערן אנטוישט איינמאל און נאכאמאל, אבער מיט סייעתא דשמיא גייט מען ווייטער לטובת הציבור)

א היימישן אינגערמאן וואס זאל ארבעטן "פול טיים" אין שפיץ פון די גאנצע טראנספארטאציע אונטערנעמונג מהחל ועד כלה. כמובן דארף מען דערפאר האבן א לאקאלער ראש המשפחה, וואס פארשטייט און האלט מיט אונזערע געברויכן, וואס קען די פראבלעמען פונעם עבר און האט די געפיל און הארץ צו פארזיכערן אז דאס חזר'ט זיך נישט איבער נאכאמאל.

דעמאלט איז אריינגעקומען אין בילד הר"ר שלום יוסף לעווי הי"ו, וואס איז געווען דאס מערסטע צוגעפאסט פאר די פאזיציע. מען האט אפגערעדט אז ווען מען וועט בעז"ה אנהויבן דעם נייעם שולע יאר וועט ער זיך באפאסן מיט אלע אנגעלעגנהייטן פון די טראנספארטאציע, אריינגערעכנט דאס דיספעטשינג, קאלעקטן דאס געלט, בילינג, זיך דורכקומען מיט די פירמע אז זיי שטעלן טאקע צו קוואליטעט סערוויס, א.א.וו.

אין די פארלאפענע חדשים האט ר' שלום יוסף מיט א געוואלדיגע געטריישאפט, אריינגעלייגט אסאך ארבעט און שעות, אויף זיין אייגענע צייט געווענליך בחנם אן קיין תשלום גמול, צו איבערגיין אלע ליסטעס פון די קינדער דורך אנרופן די מוסדות און באקומען אלע אפדעיטעט אינפארמאציע, כדי צו קענען מסדר די ליסטע פאר טראנספארטאציע אקוראט און פונקטליך.

דאן זענען די עסקנים פון UJC אינאיינעם מיט ר' שלום יוסף געזיצן און אויסגעשטעלט פאסיגע ראוטס, צוגעשטעלט צו די באקוועמליכקייט פון יעדעס קינד, אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי די ראוטס פון דעם "דעי קעמפ", אז די קינדער זאלן דארפן זיצן דאס וויינסטע צייט אויפ'ן באס, און די ראוטס זאלן קלאפן מיט א סדר און א חשבון צו די צופרידנהייט פון די עלטערן.

די גאנצע ארבעט האט ר' שלום יוסף געטון, פרייוויליג, נאך איידער ער איז אויפגענומען געווארן, פאר די טובה פונעם ציבור, און וויסנדיג אז עווענטועל וועט ער דארפן האבן די אינפארמאציע פאר קומענדיגן שולע יאר.

באלד נאכדעם וואס די "איסט ענד ארענדזש" פירמע האט געווינען די "ביד" האבן די עסקנים זיך געטראפן מיט די גוי'אישע בעה"ב פון די פירמע, און דערביי האט מען פארגעשטעלט ר' שלום יוסף, צייגענדיג די געניטע ארבעט וואס ער האט געמאכט, וואס וועט פיל פארגרינגערן פאר די פירמע ווען זיי באקומען צוגעשטעלט אלע ליסטעס מיט די בעסטע ראוטס, וואס זיי קענען אנהויבן צו נוצן תיכף ומיד אן דארפן אריינלייגן קיין שום ארבעט.

די פירמע האט אבער אנגעפאנגען ארומשלעפן מיט פוילע תירוצים, ביז אין א שיינעם טאג האט מען זיך דערוואוסט פון דער גאס אז "איסט ענד ארענדזש" האט אויסגעקרויזט ר' שלום יוסף און אונטער דעם רוקן פון די עסקנים אויפגענומען אַן אנדערן דיספעטשער, אָן אפילו איינמעלדן בעפאר.

די UJC האט ווייטער פרובירט צו אנהאלטן א פאזיטיווע קאמיוניקאציע, מען האט ווייטער איבערגעגעבן אינפארמאציע, אבער מען האט נישט באקומען קיין געהעריגע אנטווארט פון די פירמע, וואס ווי עס שטעלט זיך ארויס זענען זיי אויך נישט פאראינטערעסירט זיך צו רעכענען מיט'ן ציבור, און שטעלן צו דירעקט שוואכע סערוויס כדי צו שפארן וואס מער געלט, זיך צו קענען אנפולן די טאשן.

אבער אויב דאס איז נישט גענוג געווען האט זיך הערשט די וואך ארויסגעשטעלט אז די פירמע האט צום באדויערן אויך אויסגעשפילט דעם היימישן דיספעטשער ווען זיי האבן אים פשוט געלאזט דרייוון א באס, אין דער צייט וואס עלטערן וועלכע האבן פרובירט צו אריינרופן צוליב פראבלעמען מיט די טראנספארטאציע האבן נישט געקענט רעדן צו קיין אידישע דיספעטשער, און אין מערערע פעלער האט מען אינגאנצן נישט געקענט רעדן צו קיינעם, נאר איבערלאזן א מעסעזש וואס איז קיינמאל נישט געענטפערט געווארן.

דערוויל צייגט די פירמע נישט ארויס קיין אינטערעסע צו צופרידנשטעלן די אידישע שטייער צאלער, און מען איז אצינד טאקע עוסק מיט די פאסיגע לעגאלע מיטלען צו אדרעסירן בקרוב די טעמע בעז"ה.

אצינד, בנוגע ר' שלום יוסף, ווען מען זאל אים יא אדער נישט רופן.

למעשה איז דאך פארבליבן אנדערע צייטן ווען די "סקול דיסטריקט" באצאלט נישט פאר קיין טראנספארטאציע, וואס דאס איז אין די טעג פון חגאות, זונטאג און פאר קינדער אונטער פינף יאר.

UJC האט במשך די גאנצע צייט פרובירט צו ארבעטן אינאיינעם מיט די "איסט ענד ארענדזש" פירמע און דעריבער האט מען זיי געגעבן אויך די סערוויס פון צושטעלן באסעס אין די אלע צייטן פאר א באזונדערע אפצאל. און ס'איז באשטימט געווארן אז ר' שלום יוסף וועט זיך באפאסן מיט אט די אלע זייטיגע צייטן, צו פארזיכערן אז אלע ראוטס ווערן באצאלט און זענען מסודר.

אבער ווי עס האט זיך למעשה ארויסגעשטעלט שטייען מיר יעצט אין א מצב וואס די פירמע וויל אינגאנצן נישט האבן קיין פארשטענדעניש מיט די היימישע עסקנים, און ר' שלום יוסף ווערט נישט צוגעלאזט צו באגלייטן און ארויסהעלפן אפילו די זייטיגע צייטן, וואס מיר באצאלן עקסטער דערפאר.

די וואך האט זיך אפגעשפילט אן אינצידענט ווען איינע פון די באסעס האט נישט געוואלט ארויפלאזן א קינד אונטער 5 יאר, וואס איז שוין געווען אויסגעצאלט, און די פירמע האט אפילו נישט געוואלט הערן וואס ר' שלום יוסף האט צוזאגן דערוועגן.

זעהנדיג דעם מצב איז די UJC אצינד אין פארבינדונג מיט עטליכע אנדערע באס פירמעס, צו אויסארבעטן א גוטן דיעל פאר זונטאג, חגאות און פאר קינדער אונטער 5 יאר, וואס וועט בקרוב אי"ה אוועקגיין פון די "איסט ענד ארענדזש" פירמע און געטון ווערן דורך אן אנדערע פארלעסליכע פירמע

מיט וועמען מען וועט זיך קענען דורכקומען און ר' שלום יוסף וועט זיין באאויפטראגט אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב.

דערוייל קען מען רופן ר' שלום יוסף פאר אלעס וואס איז נוגע צו די בילינג רעגיסטראציע פאר די זונטאג, חגאות און קינדער אונטער 5 יאר. מען קען אים אבער נישט רופן איבער די דיספעטשינג פון "איסט ענד ארענדזש", צוליב דעם וואס די פירמע שטעלט זיך נישט צו און בלאקירט סיי וועלכע צוטריט פאר די היימישע דיספעטשער.

## דאס הייסט אז זונטאג, חגאות און קינדער אונטער 5 באלאנגט יא פאר UJC און די אנדערע קינדער איז נישט אונטער די אחריות פון UJC ? וויאזוי קען מען אפערירן מיט אזא צוטיילטע סיסטעם?

מיר האבן אייגנטליך געהאט די זעלבע קשיא... און דערפאר האבן מיר געארבעט אזוי שווער אז אלעס זאל געפירט ווערן דורך דעם זעלבן דיספעטשער אונטער דעם שירעם פון די UJC אז אלעס זאל פאלן אין ריכטיגן פלאץ על מכונה.

אבער היות, ווי ערווענט, איז דערוייל נישט דא קיין מיטארבעט פון די "איסט ענד ארעדזש" פירמע, איז געבליבן די איינציגע ברירה צו ארבעטן אויף דעם מהלך, אז כאטש אויף די זייטיגע צייטן זאל מען האבן א באזונדערן "דיספעטשער", און פארשטענדליך אז מיר, פון אונזער זייט, וועלן טון אלעס וואס מעגליך אז ס'זאל זיין צוגעשטעלט מיט אלע באקוועמליכקייטן און פאסיגע ראוטס.

ס'איז טאקע נישט די ערשטע אפציע וואס מיר וואלטן געוואלט, און דערפאר ארבעט מען יעצט אויף פארשידענע הצעות וויאזוי צו לעזן דעם מצב און צופרידן שטעלן אלע עלטערן בעז"ה.

## וואס גייט פאר מיט די נייע באס קאמפאני, גייען תושבי בלומינגגראוו אזוי ליידן א גאנץ יאר?

מיר האפן אז נישט ליידער איז עס נישט אין אונזערע הענט, צו א געוויסע עקסטענד. מיר האבן אריינגעלייגט וואכן און חדשים פון כוחות פון תיכף ווען די קאמפעני האט געוואונען די ביד און נאך בעפאר אז סזאל זיין א צוזאמארעט און א פארשטענדעניש מיט די קאמפעני וואס הייסט איסט ארעדנזש טראנספארטאציע למעשה אבער יעדעס מאל ווען ס'איז געקומען למעשה האט מען געזען יי האבן אונז געזאגט ליגנט איינמאל און נאכאמאל מהאט אפגעשמועסט זאכן ווי א שטייגער אונז האבן אויף אונזער עקספענס אויף אונזער צייט צוגעשטעלט פארטיגע ראטוס כשלחן ערוך מען האט זיי געגעבן צו עסן אויף א זילבערנעם לעפל געפיטערט וויבאלד ס'איז א נייע קאמפעני און דא איז א אידישע קאמיוניטי למעשה האבן זיי קיינמאל נישט געניצט אונזערע ראוטס וואס מיר האבן זיי געגעבן די סיבה מאכנע זאכן אז זיי טרייען צו זאגן מווועט זיי נישט איינטיילן וואס צו טון אפשר פרובירן זיי צו פיקסן למעשה לעת עתה דא א שוואכע קאמיוניקאציע מצד זיי אויף צוריק אין די לעצטע

וואכן האבן זיי אונז ליגנט געזאגט און נישט מיטגארבעט כמפ מיר טרייען צו טון וואס מקען צו טושן די מצב.

## פארוואס זענען די פרייזן געשטיגן און מיר צאלן יעצט טייערער ווען ביי קוואלעטי איז די סיסטעם בעסער געפארן און מ'האט באצאלט ביליגער?

קיינער ווייסט נאכנישט צי די סיסטעם איז בעסער געפארן היבש ניטש צופרידן געווען פון די קוואליטי פירעשרפט ס'איז אריינגעקומען גאר אסאך קאמפעלינס דער עולם זאל זיך דערמאנען די לעצטע צוויי דריי יאר טאקע פארדעם איז יו דזשי ס' אריינגעקומען

קוואליטי איז געגאנגען יעדער האט געצאלט דרייסיג דאללער פער קינד און פאר יונגערע קינדער אויך פופציג מיידל וואס גייט נישט מתמידים נישט פארטאגס זונטאג צאלט די זעלבע ווי דער בחור

אויב איז אמת אז סקאסט דרייסיג דעם בחור וואס גייט נאכט סדר און פארטאגס דארף די מיידל נישט צאלן

און אויב פארקערט וכו'

מהאט איבערגעטשארטדזש ס'איז געווען א קוגל וואס איז נישט אויסגעהאלטן

וואס מיר האבן געטון אז מיר האבן צעטיילט יעדער צאלט פאר די סערוויסעס וואס ער נוצט מיידל צאלט פאר חגאות א קינד פאר זונטאג אויך פאר געוויסע עלטערן וועט עס קאסטן טייערער אבער דאס איז עפ"י יושר און עפי תורה זיי באקומען א קוואליטעט פראדוקט פאר די פרייז וואס ער באקומעט די אנדערע באקומען אויך

די פרייזן זענען סאך ביליגער און היבש מער ביושר

## האט נישט UJC בשעתן רעגיסטרירן די קינדער זיכער געמאכט אז ס'זאל זיין מסודר'דיגע ראוטס אז אלעס זאל קלאפן צום נייעם יאר? וואס איז געשעהן?

יא און נאכמאל יא!

די יו.זשעי.סי, צוזאמען מיט ר' שלום יוסף לעווי האבן אריינגעלייגט שעות ארוכות אלע ראוטס זענען געווען גרייט און ס'איז גרייט ווייטער אז מ'זאל עס קענען נוצן אבער

# העכסט געאייגנטער "פּאַרקינג לאט" פאר די באסעס אפגעהאלטן אין דער לעצטער מינוט דורך פיינטליכע ווילעדזש באאמטע

אין שוואונג פון די פילע השתדלות און אקטיוויטעטן וועלכע האבן פראגרעסירט אינערהאלב דעם "יו. דזשעי. סי." הויפקווארטירט, אין באצוג צו די "טראנספארטאציע" טעמע - וואס איז געשטאנען אויפ'ן פראנט פונעם סדר היום אין די פארלאפענע זומער חדשים - איז געשטעלט געווארן א באזונדערן דגוש צו טרעפן א פאסיגן "פארקינג" ארט, וואו צו קענען פלאצירן די פילע באסעס וואס ווערן באנוצט דורך אונזערע קינדער טאג טעגליך פון און צו זייערע מוסדות התורה והחינוך.

ס'איז זעלבסט פארשטענדליך אז ווען עס האנדלט זיך פון אזא וואקסענדער ציבור בליעה"ר פון הונדערטער קינדערלעך, וועלכע רייזן אויף די זעלבע באסעס מדי יום ביומו, איז עס געוויס פראקטיש ביז גאר ווען די באסעס קענען אלע פארקירט ווערן דא אין שכינות אויף א לאקאלן פארנעם, וואס וואלט פיל פארגרינגערט פאר די פונקטליכקייט פון די "רוטס" און פאר דעם גאנצן הלוך ילך פון די באסעס, אינדערפרי און אין די מיטאג שטונדן.

אט דערפאר האבן די שלוחי הציבור זיך טאקע ארייגעווארפן אויך אין דעם געביט, צו טרעפן א פאסיגן שטח וואו מען זאל קענען פארקירן די באסעס לאקאל.

דורכאויס די צייט זענען פארשידענע הצעות ארויפגעברענגט געווארן אויפ'ן טיש, פון וועלכן מען האט געפינען דאס מערסטע געאייגנט א גרויסער ליידיגער "פראפערטי", וואס געפינט זיך ממש דא אויפ'ן 208 רט. אבער איז גלייכצייטיג א שטילע און אומבאוואוינטע פלאץ, און איז גענוג ווייט פון סיי וועלכע באוואוינטע ישוב.

געזאגט און געטון. מען האט באלד אויסגעארבעט אלע דעטאלן ארום דעם שטח און מען איז צוגעטרעטן צו די פאקטישע שטאפלן אז די באסעס זאלן דארט פלאצירט ווערן, אלעס האט געקלאפט, ביז עס איז געקומען צום ענדגילטיגן שטאפל פון ערהאלטן דעם "ווילעדזש פערמיט" און מען האט זיך נאכאמאל באגעגנט מיט דעם אזוי באקאנטן "אהבת ישראל" וואס באגלייט שוין דאס בלומינגראוווער אידנטום זינט דעם ערשטן טאג דא...

די היזיגע "ווילעדזש" באאמטע האבן איינפאך אפגעזאגט סיי וועלכע פרואוו צו באקומען אזא "פארקינג פערמיט", אָן קיין לעגיטימע אורזאך, און אָן קיין געהעריגע אויסרייד אפילו.

אויך ווען אדוואקאטן האבן פרובירט צו זיין בייהילפיג און אויך ווען די אינסטאנצן זענען געווען זייער קלאר אז דא האנדלט זיך עס פון אן אומבאנוצטער שטח, וואס איז ליידיג און אומבאוואוינט פון אלע זייטן, האט דאס נישט געווירקט אויף די שטייפע באשלוס פון די באהערדע, מיט א דורכזיכטיגע כונה צו שטערן און אומבאקוועם מאכן פאר די באסעס וועלכע פירן די תינוקות של בית רבן אין חדר אדער אין שולע אריין.

ס'איז אנגעמערקט געווארן מיט וואונדער אז אין אזא דעליקאטע צייט, שטייענדיג געציילטע וואכן איידער די בעפארשטייענדע קריטישע וואלן, איז דאך דער שטייגער אומעטום, אפילו ביי יעדן ציווילן גוי'אישן פאליטיקאנט, זיך צו אהערשטעלן אפילו כאטש לפנים מיט א שטיקל פארשטענדעניש צו אקעגן קומען די געברויכן פון די איינוואוינער.

ווייזט אבער אויס אז אין "בלומינגראוו", ווען עס האנדלט זיך מיט אידן, איז נישט גילטיג די אלע סארט כללי הנימוס וואס יעדער פארשטענדליכער גוי באנוצט זיך דערמיט. די "שנאה מקלקלת השורה" טוט ווארשיינליך דאמינירן אויך יעדעס ביסל לאגיק... ולה' הישועה.

ס'ווערט נישט געניצט.

מ'דארף נעמען אין חשבון, אז ווען די וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט האבן זיך פלוצים דערזען אז פון קארגע 400 קינדער וואס זענען געווען פאראיאר רעגיסטרירט, האלט מען ב"ה צום נייעם שנת הלימודים ביי א ריזן ציפער פון 822 קינדער, כן ירבה, און בנוסף איז היי יאר אין ליכט פון קאוויד 19 צוגעקומען זייער טייערע סאשל דיסטענס גיידליינס, האבן זיי פרובירט בכל אופן מיט יעדן טריק זיכער מאכן אז ס'ווערט נישט צוגעשטעלט טראנספארטאציע, פאר אלע קינדער מיט אלע תירוצים טאקטיקן, פאר געוויסע האבן זיי געזאגט אז מ'איז בכלל נישט רעגיסטרירט, פאר אנדערע האט מען געזאגט אז ס'פעלט פרוף אף אדרעס, און אזוי כסדר געשרינקען פון די ליסטע ביז צו זעקס הונדערט קינדער, דעריבער האט מען די אלע ראוטס וואס מ'האט יא מסדר געווען איז אייביג געווען בדרך ספק צו ס'וועט טאקע געלונגען אז מ'וועט ארייגברענגען מער באסעס פאר די עכטע צאל קינדער וואס האבן זיך רעגיסטרירט.

עס איז אינטערעסאנט צו אנמערקן אז בשעת איבערגיין די ליסטעס פון די קינדער, האבן זיי געזאגט פאר אונזער באורד טשערמאן ר' יצחק עקשטיין אז זיינע קינדער זעלבסט

זענען נישט רעגיסטריט, דא האט זיי ר' יצחק צוריקגעוויזן אויפ'ן פלאץ און ארויסגעצויגן אן אימעיל וואס ער האט קלאר באקומען פון וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט א באשטעטיגונג אז זיינע קינדער זענען יא רעגיסטריט, ס'האט זיך קלאר אויפגעוויזן זייער אומפקאטענץ, און סיי וויאזוי זיי פרובירן יעדע געמיינע מזימה אראפצוקלאפן דעם נומער אפליקאנטן אז זיי זאלן נישט דארפן צאלן פאר די באסעס.

ווי איר קענט זעהן אין די דאקומענטן וואס באגלייטן די ארטיקל, האט מען גענומען לעגאלע שריט און אזוי ארום באקעמפט אז אלע קינדער וואס זענען רעגיסטרירט געווארן זאלן באקומען באסעס, און אזוי איז טאקע באשטעטיגט געווארן די לעצטע מינוט, אבער פון די זייט פון איעסט אראנדזש באס פירמע איז צוליב וואס די נומערן פון אפליקאנטן זענען כסדר געשפרינגען זענען זיי אויך נישט געווען גרייט בכלל מיט ראוטס, זיי האבן זיך געגרייט צו טראנספארטירן בערך 500 קינדער און למעשה איז דא בליעה"ר העכער 800 קינדער.

והשנית ווען מיר האבן פארגלייכט אונזער ראוט וואס מיר האבן צוגעשטעלט פאר אלע קינדער קינדער, צו אונזער צער און ווייטאג נאכ'ן ארײנלייגן אזויפיל פלאג און מיה פון טעג און וואכן, איז עס דורך באס קאמפעני בכלל נישט גענומען געווארן אין באטראכט, און האבן געשיקט  זייערע דרייווער מיט צעפארענע ליסטעס, וואס אפילו ס'זאל זיין גענוג באסעס פאר'ן ארום די באסעס אהין און צוריק און טוען נישט א נארמאלע ארבעט.

אבער ווי ערוועגט האט יו. דזשעי. סי. געהאט גרייטע ראוטס, און ס' סאיז נאך אלץ גרייט, אויב זאל די באס פירמע עס אנהייבן נוצן.

און לאמיר דא אויפדעקן פאר'ן ציבור אז די וואך נאך די שווערע סיטואציע ביים ציבור זענען די עסקנים פון יו.זשעי. סי. געזעצן די וואך מיטוואך נאכט פרשת כי תבא פון זעקס מיטאג ביז עלף אזייגער אויפדערנאכט אין די הויפקווארטירן פון די ארענזש באס פירמע, און די יו דזשי סי האט פרובירט אפדעיטן אלע ראוטס, אבער דאנערשטאג צופרי  האט זיך ארויסגעווייזן צו אונזער אנטוישונגען נאכאמאל און נאכמאל אז איסט ארענזש נוצן נישט די ראוטס.

זעענדיג ווי די דרייווער פארן ארום פון איין גאס צום צווייטן ווי אין כישוף ראד, האבן מיר בדרך לא דרך באקומען פון איינע פון די דרייווערס זיין ראוט וואס זיי האבן גענוצט,

כדי צו איבערצייגן דעם בעה"ב פון די קאמעפני אז מען האט אים געכאפט ביי די מעשה אז נאכן' פארברענגען פינף שעה ביז שפעט ביינאכט און אים איבערגעבן נאכאמאל אלע ראוטס איז ער געגאנגען בשאט נפש און עס געווארפן אין מיסט אריין און גענוצט זיינע ראוטס באזירט אויף 630 קינדער, מיר האבן אים אויף דעם געשיקט א אימיעל און דערווייל ווארטן מיר אויף רעספאנד.

Update 9/3/20

chairman@ujcofbloominggrove.org
To 'John Mensch'
Cc 'boardrep_ujcofbloominggrove.org'; 'Shimon Ekstein'

Reply | Reply All | Forward | ...

Thu 9/3/2020 1:38 PM

GVM33.jpeg
118 KB

Hi John.

You asked me how it was today, so here is my response.

1. You asked us last night to put up local personal to help guide the drivers around the area, we prepared the manpower, however none of them were picked up before starting the routes.
2. We prepared teachers for some routes and it was agreed upon that they will be picked up, however that didn't happen for some, the one for Beny Yoel is still waiting at his house to be picked up! Mr. stern advised Mr. Mauskaup last night and this early morning but it fell on deaf ears.
3. We set there last night, we created the route how the drivers should go around the village, and we updated all your lists so you should work out of one master list, however that did not happen either. See attached a screenshot that one of your drivers worked out of, it's a recipe for the disaster, the list that he got is alphabetical by last name instead of in the order of the street names like we discussed last night, no wonder that routes where delayed by over an hour on average, these drivers where driving around like lunatic's from one side of town to other again and again.
4. We discussed that Mr. Mauskopf will be there to answer the lines, however, we saw Mr. Mauskopf on a bus while people were going crazy calling in and not being answered.
5. We sat there till 11 last night to make things work for you and us as a team, however, it doesn't look like the work was even utilized, you mentioned that you don't need our routes, we followed some buses this morning and they were running around town like a circus.

I'm not sure what else to say...

There is definitely stuff that did work out, but the points above definitely highlight a major disconnect, we have resources available to help you out, but when you don't utilize them and/or follow an agreed upon plans it is very not good to say the least.

Sincerely Yours;

Isaac Ekstein
Chairman | United Jewish Community of Blooming Grove.
Phone. 845-237-4828
Cell. 845-500-3621




| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| ...sther | Abramovici | G-KNG 21 | Dallas Dr | |
| Blimy | Berkovitz | G-KNG 13 | Lee Ave | VM |
| Yitty | Biener | G-NUR 23 | Virginia Ave | VM |
| Nechuma | Breuer | G-NUR 5 | Hawks Nest | VM |
| Rachel | Feldman | G-KNG 19 | Mangin Rd | VM |
| Rivky | Fried | G-KNG 2 | Michael Ct | VM |
| Chava Draizy | Gluck | G-KNG 9 | Virginia Ave | VM |
| Mashy | Gluck | G-KNG 7 | San Antonio | VM |
| Tzipora | Hiller | G-NUR 18 | Fort Worth | VM |
| Chana | Hirsch | G-NUR 12 | Galveston Dr | VM |
| Chaya Shaindy | Kaufman | G-KNG 8 | Merriewold Ln | VM |
| Zeldy | Mandel | G-KNG 357 | Lake Shore | VM |
| Malky | Meisels | G-KNG 7 | Arlington Dr | VM |
| Rivka | Rubin | G-KNG 40 | Merriewold Ln | VM |
| Ruchy | Smilowitz | G-NUR 14 | Galveston Dr | VM |
| Shaindy | Stein | G-KNG 3 | Arlington Dr | VM |
| Golda | Stesel | G-KNG 10 | Fort Worth | VM |
| Esther | Wagschal | G-NUR 7 | Dallas Dr | VM |
| Chany | Wagshal | G-KNG 11 | Arlington Dr | VM |
| Chana Malky | Weiss | G-KNG 14 | Fort Worth | VM |
| Rivky | Weisz | G-KNG 54 | Virginia Ave | VM |

איר האט געוויס זיכער געוואונדערט וואס איז אורזאך אז די באסעס פארן ארום אפנעמען די קינדער ווי אין כישוף ראד, אהין און צוריק, זעהט ביי געלייגט רעכטס א ראוט, אויסגעשטעלט לויט אלפעבעטישן סדר פון די נעמען.... אנשטאט עפעס א רייע פון גאס, די דרייווער וואס זענען פרעמד אין די לאקאלע גאסן זענען געפארן אהין און צוריק אויף די זעלבע גאס עטליכע מאל ווי א צירקוס שפיל

מיר האבן געשריבן א אימעיל צו די באס קאמפעני אז ס'איז דא גרייט א באס ראוט געהעריג אויסגעשטעלט און דערווייל  צו אונזער ווייטאג ווערט געטריבן ליצנות פון זיינע ארבעטער די באס דרייווער, און נוצט די קינדער און עלטערן אליך טייל פונעם שפיל.

## פארוואס קען מען נישט האבן קיין היימישע דרייווערס און געהעריגע קאמיוניקעישאן

## אזוווי אין די פארגאנגענהייט?

אונז האבן פרובירט מיט אלע כוחות צו שאפן היימישע דרייווערס, די איסט ארענדזש קאמפעני צאלט נישט די פולע געהאלט פאר דרייווער און זיי געבן נישט קיין אינשורענס וואס דאס האט געברענגט אז זייער ווייניג דרייווערס האבן געוואלט נעמען די פאזיציע ספעציעל ווען זיי ארבעטן פאר א גוי און נישט פאר א איד, למעשה איז געלונגען צו שאפן עטליכע אידישע דרייווערס און מיר ארבעטן נאך אלץ צו ברענגן אידישע דרייווער פאר די באס פירמע.

אבער ליידער ווי שוין געשריבן איז דער אייגנטומער פון איסט ארענש  הארט ווי א ניסל אז זאגט אונז אז ער דארף נישט אונזער הילף ער האט זיך אליין אן עצה געגעבן און די תוצאות זעהן זיך גאר שטארק אן ווען ס'קומען אן גויטעס נעמען אונזערע קינדער, וואס איז נישט באקוועם פאר קיינעם.

ווען מען רעדט פון קאמיוניקאציע אין די פארגאנגענהייט, מיר  ווילן נישט צוריקמישן דעם בלעטל אויפ'ן עבר, אבער די יו.זשעי.סי. האט באקומען די קאמפלעינס פונעם ציבור אין עבר, און די טענה פון מיס-קאמיוניקאציע איז געווען ממש טעגליך, עס איז זיכער געווען סיבות דערצו, און עס ווערט לכאורה אביסל בעסער פארשטאנען היינט ביים ציבור ווען מ'זעהט פערזענליך די שוועריקייט פון באס טראנספארטאציע און מיר קומען נישט קיינעם באשולדיגן אויף דעם, אבער עס איז זיכער אז מ'קוקט ארויס אויף א נייע סארט פאזיטיווע פארבעסערטע קאמיוניקאציע אינעם עתיד. און מיר האפן בעזהשי"ת אז מיט שתדלנות ווען מיר גרייכן דערצו.

## וואס טוט זיך אין די אנדערע ארום קרית יואל געגנטער, ווי וואודבארי, טשעסטער אדער טאון אוו מאנרא, ווער פירט עס דארטן? וויפיל צאלט מען?

אלס אן אמת מיר זענען נישט געוני באהאווענט דארט לעקט מען נישט קיין מוציא מיט האניג דארט איז דא נאך פיל וויייניגער קאמיוניקיאציע, אדאנק דעם צאלן די עלטערן פיל טייערע ווי מען צאלט דא פער חודש.

פון די יו.זשעי.סי. האבן מיר שוין געהאט מערערע פארלאנגען פון יענע געגענטער מ'זאל זיי ארויסהעלפן מיט דעם און צושטאנד ברענגן אזא סארט קערפערשאפט.

אויסערדעם איז וויכטיג צו באטאנען אז מיר קענען נישט קוקן אויף אנדערע געגנטער, עס נישט דא קיין שום געגנט וואס קען זיך פארמעסטן מיט בלומינגראוו למחצה לשליש ולרביע סיי אינעם אויסשפרייט פון דריי באזונדערע געגנטער און נאך פילזייטיגע געסלעך און די ריבוי עם וואס האט בכלל נישט קיין פארגלייך און ס'איז זייער שווער צו צוגלייכן צו אנדערע געגנטער ווען ס'איז כלל נישט אקטועל אויף למעשה

## וויפיל צאלט מען פאר טראנספארטעישאן אין קרית יואל און פארוואס דארפן מיר מער צוצאלן?

אמת אז און קרית יואל גופא צאלט מען טאקע היבש ביליגער בעיקר פאר זינטאג און פאר קינדער אונטער פינעף יאר און די הסבר אויף דעם איז זייער פשוט,

די פאקט איז אז די באסעס און קרית יואל קענען מאכן על פי רוב פיר ראוטס און א שעה צוליב וואס די באסעס נעמען אויף א גרעסערע צאל קינדער פון יעדן הויז אדער גאס צוליב וואס עס וואוינען מערערע משפחות און איין הויז, אזוי אויך זענען די בניני המוסדות ממש לאקאל אדער גאר נאענט, ווידער ביי אונז דא און בלומינגראוו קען א באס נישט מאכן מער ווי איין ראוט א שעה וואס פארטענדליך הייבט דאס די קאסטן ממש פירפאכיג, און די סיבה דערצו איז פשוט דא איז אלעס איין פאמיליע הייזער וואס מיינט אז די באס מאכט א באזינדערע סטאפ פאר יעדן איינציגסטע קינד!

אזוי אויך זענען די בניני המוסדות לכל הפחות צען פופצן מינוט אנצוקימען צו די בניני המוסדות אראפלייגן די קינדער און דערנאך צען פיפצן מינוט זיך צוריקצוקערן פאר די נעקסטע טריפ אלזא זענען די קאסטן אסאך העכער ווי און קרית יואל גופא אבער פארט איז געלונגען צו באקימען פארהאלטענסמעסיג ביליגערע פרייזן ווי די אנדערע געגענטער ארום קרית יואל א שטייגער ווי וואדבערי ווי די ארטיגע באס פירמע פארלאנגט די סומע פון פינעף און זעכציג דאלער א חודש פאר אלע קינדער צוגלייך סיי אינגלעך און סיי מיידלעך.

אויסערדעם איז כדי צו נעמען אין באטראכט אז אין קרית יואל ווערן די באסעס אנגעפירט דורך באזונדערע קערפערשאפטן פאר יעדע מוסד באזונדער וואס העלפט אסאך ארויס, אז יעדע מוסד זאל זיך קענען מסדר זיין די צייטן און זמנים לויט וויפיל קינדער ס'איז דא אין יעדע געגענט. אין סך הכל ס'איז א אנדערע געשעפטן אינגאנצן וואס מ'קען נישט פארגלייכן.

## פארוואס ווען א באס שפעט אדער איז סטאק אין טרעפיק איז נישטא קיינער וואס זאל אינפארמירן די עלטערן וואס טוט זיך? פארוואס איז אלעס אזוי צומישט?

אט דאס איז די סיבה פארוואס מיר האבן פרובירט מיט אלע כוחות אריינצושטעלן העסקן ר' שלום יוסף לעווי צו זיצן און די פירמע אלץ טראנספארטאציע מענעדשער און פארפיגן אויף די אפעראציע צו קענען קאמיוניקירן מיט די עלטערן וכדו.

וויפל מיר האבן פראבירט די לעצטערע טעג צו פארבעסערן די קאמיוניקאציע האט די באס פירמע נישט ארויסגעוויזן די מינימאלסטע אינטערעסע זיך צוצושטעלן, און אפילו יעצט האבן זיי נישט קיין מענטש וואס איז איינגשעטעלט פולקאם

אויף די פאזיציע, די פירמע וואס האט געזאלט אויפנעמען איינעם אפיציעל אלס דיספעטשער טאקע פארן צוועק צו קאמיוניקירן מיט די עלטערן האבן זיי אים אויף נישט געלאזט אויספירן זיין תפקיד בשלימות נאר געפאדערט ער זאל דורכאויסן טאג דרייוון איינע פון די באסעס בשעת וואס הונדערטער עלטערן רופן אריין נאכאנאנד מיט צאפעלדיגע הערצער ווי זענען אונזערע קינדער עס איז שוין אנדערטהאלבן שעה נאך וואס זיי האבן פארלאזט די בניני המוסדות, און זיי קומען נישט אן ערגעץ, בלויז צו א טריקענע וואויסמעיל אדער צו א נישט אידישע ארבעטער פון די באס פירמע .

עס ברויך ארויסגעברענגט ווערן אז די פארלאפענע טעג זענען מיר געזיצן עטליכע מאל און פארפירט און געלייגט די פולסטע דרוק אויף די באס פירמע אז דא ברויך אהערגעשטעלט ווערן א פראדאקטיווע קאמיוניקאציע מיט די עלטערן מיט א פולשטענדיגע דיספעטשער.

מיר האבן זיי קלאר געזאגט אז מיר פארשטייען אז עס איז די ערשטע וואך באסעס קענען שפעטיגן וכדומה, מען ברויך אבער קאמיוניקירן מיט די עלטערן ווען עלטערן רופן אריין ברויך מען קענען רעדן צו איינעם און וויסן וואס טוט זיך, מיר האבן געאפפערט צו ברענגען צוגאב דיספעטשערס פון אונזער זייט, אינגעלייט עסקנים, אדער זאלן מיר נעמען די קאסט אויף אונזער זייט, און אלעס צו שטיין צו הילף זיי ארויסצוהעלפן צו ברענגן סדר צו די סיטואציע אבער דערווייל איז אלעס געפאלן אויף טויבע אויערן, עד כדי כך אז נאכן זיצן פארלאפענע מיטוואך נאכט קרוב צו 5 שעה צו פרובירן שטעלן זאכן אויף די רעלסן ווי די באס פירמע האט זיך פריש פארפליכטעט דאס מסדר צו זיין האבן זיי אבער צומארגנס דאנערשטאג ווידער פארלאנגט פון זייער אפיציעלע דיספעטשער צו דרייוון א באס און אים נישט געלאזט זיך אפגעבן מיט דיספעטשינג מער ווי א שעה אינדערפרי.

און מיר פרובירן ווייטער צו נעמען שריט בכל אופן אז די זאך זאל ווערן מסודר ווי אומשנעלסטן על צד היותר הטוב בעזר ה'.

## איז דא עפעס וואס די מוסדות קענען טוהן אויב זיי ווילן צו העלפן אז די זאך זאל זיין מסודר?

זייער גוט אז איר ברענגט אויף די נקודה, דא איז די פלאץ ארויסצוברענגען א גרויסער דאנק פאר די מוסדות התורה.

פארגאנגענע מיטוואך ווי נאר מען האט געזעהן אז די באס פירמע האט זיך ווידער פשוט נישט געהאלטן צו זייער קלארע פארשפרעכונג פון צושטעלן אויף יעדן באס א באס רבי' אדער באס טיטשער וואס ווי פארשטענדליך איז דאס די מינימאלסטע אחריות ברוחניות ובגשמיות וואס מוז ווערן צוגעשטעלט בכל אופן שיהי' ספעציעל ווען טייל זענען נישט אידישע דרייווערס, זענען מיר אראפגעפארן און געזיצן מיט אלע דריי מוסדות התורה צו אדרעסירן דעם פראבלעם אלע האבן איינגעשטימט צו שטיין מיט די פולסטע הילף דאס צוצושטעלן תיקף ומיד אויף די אייגענע קאסטן עס זאל נישט זיין קיין פרישע באלאסטונג אויף די עלטערן פארשטייענדיג די קריטיש וויכטיגקייט דערפון.

אזוי אויך ווען די באס פירמע האבן פארלאנגט פארשידענע ליסטעס פון די מוסדות התורה איז אלעס געווארן צוגעשטעלט די מוסדות האבן באמת פראבירט און פראבירן ווייטער צו שטיין צו הילף בכל מה דאפשר אבער ליידער איז נישטא קיין סך מער וואס זיי קענען טאן צו לינדערן די מצב.

עד כדי כך אז פארלאפענע דאנערשטאג האט ר' יצחק עקשטיין באקומען א ווייטאגליכן רוף פון ר' דוד אהרן גאלדשטיין דער טראנספארטאציע מענעדשער פון יו.טי.עי ווי ער האט מיטגעהאלטן פארלאפענע מיטוואך ווי מיידלעך זענען איבערגעלאזט געווארן פראנט פון א פארשפארטע סקול בילדינג אן קיין אחריות און אלע זיינע פריוון צו קאנטאקטן די באס פירמע זענען געווען אומערפאלגרייך

דאס איז דאס פלאץ ארויסצוברענגען לשבח ר' דוד אהרן וואס ער שטייט כסדר צו הילף מיט וואס נאר מעגליך ארויסצוהעלפן צו קענען מסדר זיין די זאך על צד היותר ותשואות חן חן לו .

## תושבי בלומינגגראוו האבן שוין אזויפיל מיטגעמאכט דערמיט וואס איז די פלאן ווען גייט די ענין זיין גענצליך מסודר?

על ראשון אמת מהאט שוין אזויפיל מיטגעמאכט אבער א גוטע זאך קומט אן שווער בשם ה' וועט מען דאס דורכגיין מיטן כח פון אחדות ווען מען ארבעט צוזאמען איז נישטא די כח אויף דער וועלט וואס קען דאס אפשטעלן דאס איז יו.זשעי.סי. האט מען געזען אז מען האט אויפגעטון גדולות ונצורות

מען וועט גיין לדורן לתפלה ולמלחמה און מיר וועלן טון אלעס מצידינו אז דער ענין ווערט מסודר על צד היותר טוב ומעויל ווי אמשטענסלטן מיר וועלן זיך נישט אפשטעלן פאר גארנישט זיכער מאכן אז דאס געשעט.

## צום שלוס:

די יו.זשעי.סי. עסקנים ארבעטן חדשים ביטער שווער אז זאכן זאלן זיך שטעלן אין פלאץ, מ'האט איבערגעקערט וועלט אז ס'זאל זיין באס רבי'ס און טיטשערס אויף די באסעס.

אין די שפעטע שעות ארויסגעשיקט חשוב'ע מענער און נשים צדקניות צו מיטגיין מיט די באסעס מיר האבן געהאט ערלעדיגט זאלן מיטפארן אז די צעמישעניש זאל נישט זיין אזוי גרויס מיטגיין מיט די דרייווערס.

די באס קאמפעני האט געהאט אלע אינפארמאציע, זיי וואלט געקענט האבן שיין מסודר'דיגע ראוטס פון די יו.זשעי. סי. און צו אונזער ווייטאג האבן זיי עס נישט גענוצט אויף למעשה.

די חשוב'ע מרת הירש וואס ארייננגעלייגט איבערמידליכע כוחות צוצושטעלן פרוביען פון די געגענט, וואס זאלן זיין אויף די באסעס אז די באס זאלן נישט אריבער פארן די מאמעס וואס שטייען און ווארטן און די באס פארט זיי דורך פאר די אויגן, או קיינער פון די פרוביען וואס מען האט אפגעשמועסט צוגעלייגט אויף די ראוטס ניטאמאל זיך אפגעשטעלט.

נאכדעם צעמישעניש זענען מיר געזיצן מיט די אפיס און מסדר געווען אלע ראוטס געפרינטעט סעטס פון ראטוס ס'איז געקומען היינט צופרי באגלייט די באסעסף און פשוט איגנארירט די ארבעט וואס מען איז געזיצן צוזאמען

עד כדי כך אז ווען מיר האבן ארויסגענומען די ראוט פון די דרייווערס הענט א באס פאר פון ארום לויט די נעמען פון א כישוף ראד, און ווילאנג די באס ווערט אנגעפולט געדויער לכה"פ א שעה שפעט ביז ער גרייכט צו יעדע סטאפ.

די דיספעטשער וואס מיר האבן געאפפערט וואס האט זיך געגרייט דערויף א גאנצן זומער אומזיסט און געארבעט וואכן לאנג צו רעגיסטרירן קינדער און זיי האבן אונז צוגעזאגט אז ער וועט אויפגעוונמען ווערן אויף די פאסטן און לעת עתה איז גארנישט געווארן צוגעשטעלט, אויף יוצא צו זיין האט מען אפיציעל צוגעשטעלט א דיספעטשער פאר א קארגע שעה אקעגן צו וואס מיר האבן אפגעשמועסט און לפנים האבן זיי מסכים געווען.

ליידער קינדער מיט ספעציעל געברויכן אפלייען פאר ספעציעל טראנספארטאציע מהאט זיי געשיקט פון די סקול דיסטריקט צו די באס קאמפעני מהאט זיי פארפירט מיט ליגענט פון ביידע זייטן, פון די סקול דיסטריקט צו די באס קאמפעני און צוריק..

אבער די יו.זשעי.סי. זיצט נישט מיט קיין פארלייגטע הענט, מען נעמט לעגאלע ראט, און מיט א פאראייניגטע כח וועלן מיר בעז"ה דערגרייכן סוקסעס, מיט הצלחה און סייעתא דשמיא

דאס טרעטן אויף אונזער ציבור, אויפ'ן יחיד אדער אויפן כלל דאס איז א עבר דא א איז דא און א נייע הוה און א נייע עתיד דא גייט מען נישט זיצן מיט פארלייגטע הענט בשעת מען באראבאוועט אונז פון אונזער בלוטיגע געהארעוועטע געלט.

די יו.זשעי.סי. וועט נישט אויפגעבן ווייל די ארבעט איז נישט בא'טעמט ווען מ'האט איין דורכפאל נאכ'ן צווייטן, און נאך א נידערלאגע, שבע יפול צדיק וקם, און מיר שטעלן זיך אויף ווידעראמאל צו שטיין אויף אונזערע רעכטן און בעז"ה וועלן מיר באוויזן גדולות ונצורות. אז אלעס זאל זיך שטעלן אין פלאץ על צד היותר טוב ובשם ה' נעשה ונצליח!

## ופרשו את השמלה...

**די ארטיקל איז געווידמעט צו ברענגען פאר די חשובע עלטערן די טרוקענע פאקטן קליפ און קלאר כמות שהם באגלייט מיט דאקומענטן און באווייזן ועוד ידינו נטויה בעזרת השם ויותר ממה שכתבנו לפניכם כתוב כאן.**

**די ארטיקל איז אן אויפקלערונג איבערן מצב בכלליות און ח"ו נישט קיין חשבונות אדער פגיעה אין קיינעם, מיר טוען זיך פון פאראויס אנטשולדיגן אויב עמיצער זעט דאס פאר אנדערש, מיר האבן זייער נישט געוואלט האלטן ביי דעם מצב, אבער אלס געטרייע פארטרעטער פונעם ציבור תושבי עירנו פארלאנגט זיך אז מיר זאלן קאמיוניקירן דעם אמת לאמיתו מיט א פולע אז דער עולם זאל וויסן און פארשטיין מיט א פולע קלארזיכטיגקייט למען תכלית הענין ופרשו את השמלה...**

**די ארטיקל איז געווידמעט צו ברענגען פאר די חשובע עלטערן די טרוקענע פאקטן קליפ און קלאר כמות שהם באגלייט מיט דאקומענטן און באווייזן ועוד ידינו נטויה בעזרת השם ויותר ממה שכתבנו לפניכם כתוב כאן.**

**די ארטיקל איז אן אויפקלערונג איבערן מצב בכלליות און ח"ו נישט קיין חשבונות אדער פגיעה אין קיינעם, מיר טוען זיך פון פאראויס אנטשולדיגן אויב עמיצער זעט דאס פאר אנדערש, מיר האבן זייער נישט געוואלט האלטן ביי דעם מצב, אבער אלס געטרייע פארטרעטער פונעם ציבור תושבי עירנו פארלאנגט זיך אז מיר זאלן קאמיוניקירן דעם אמת לאמיתו מיט א פולע אז דער עולם זאל וויסן און פארשטיין מיט א פולע קלארזיכטיגקייט למען תכלית הענין**

# BLOOMING GROVE CLASSIFIEDS — בלומינגראוו קלאסיפיידס

## לכן והתפרנסו זה מזה:
## ביזנעסער און סערוויסעס פון בלומינגראוו איינוואוינער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fresh Eggs - Wholesale & Retail<br>Spitzer 845-782-1307 | Schwartz Appliances Repair -<br>(845) 537-0328 | Shaklee Products - S. Weiss<br>845.782.8068 | Jewelry - Unique deals<br>S. Weinstuck (845) 213-0547 |
| On Field Builders Inc.<br>845-200-4149 | Experienced babysitter - willing to move into your house<br>B. Schreiber 845-637-5003 | DrewMe Drawing - E. S. Halpert<br>(845) 866-(DREW) 3729 | Oasis Photography<br>S. Halpern 917.586.8889 |
| Decorative chocolate gift boxes or by the dozen Moshkowitz 845-782-4185 | Babysitting schwartz Forth Worth<br>845-781-7846 | Blinds installation<br>347-581-4051 משה שניצער | Blinds & shades sales & installation<br>Yossi Rosenfeld (347) 672-4929 |
| Haircut & Hairdresser<br>Z. Appel 845-782-4675 | Upstate Aloe-Vera<br>און נאך vitamins, creams, נאטורליכע פראדוקטן<br>845-537-2257 | *Starting now!* Art fantasy for ladies and girls - Sternfeld 845-783-0474 | Allede- Spot Lights instillation<br>Yoel Oberlander 917-418-6474 |
| HK & Cranial<br>L. Weiss 347-570-0827 | Vitamins for Herpes and Strep<br>בדוק ומנוסה Falkowitz 845-783-2841 | The Purity Water Filtering Systems 845.783.6198 | Back to School Haircuts<br>Oppel 20 Arlinton 845 782-4675 |
| Perry's Hairdresser & Sheitel Wash & Set - P. Lowy (845) 783-0596 | Waxing & Electrolysis<br>Jabra 38 Duelk<br>845-637-4071 845-500-9864 | Upscale silk scarves<br>R. Glick 917-474-3356 | Handiman, Shelving & Lights<br>Yoel Kaufman 845-200-1642 |
| Photography - Pic a pose<br>E. Kellner 845-662-5180 | Electrolysis, Waxing & Tinting<br>B.C. Spitzer - 329 Lake Shore DR<br>917.618.2115 - 238.3343 | Mattress all sizes - We Deliver<br>845-662-2941 ישעי' בראך | "Byldit" Construction<br>Moshe Shie Posen (845) 461-5244<br>Berl Posen (845) 500-1655 |
| Playgroup - Mendlowitz<br>(Felberbaum) 845-238-9152 | זמיגראדער קאך - פאר אלע אייערע<br>שמחות און משקאות 845-248-6411 | Bakery - Heimisha Challah<br>Duelk 70 - היימישע חלות און מזונות<br>מאשקאוויטש 718-435-2760 | Home security systems<br>Joel klein 347.971.2402<br>kleinjoel82@gmail.com |
| Shaklee Vitamins (Shlomo weiss)<br>845.782.8068 | CTI Construction -<br>Just call 845-442-2CTI (284) | דירות פאר שבתים - (פלאץ פאר עטליכע קאפלס) צו פארדינגען 845-248-6411 | |
| HK & Cranial<br>L. Weiss 347-570-0827 | Tax Return - maximum refund -<br>Shimon Yoel Kleinman<br>380 lake shore - 347-699-3453 | Klein's Ice Cream Blooming Grove<br>19 Fort Worth Back door 845-492-5548<br>זונטאג-דאנערשטאג 5:00 -4:00 & 12:00 -11:00 פרייטאג 3:00 -2:00 | Hair Cutting & Hair Styling<br>Chava Miriam Stern<br>845-604-0238 |

צו אדווערטייזן אייער ביזנעס קלאסיפייד עד בחנם שרייבט צו: BGVoice@UJCofBloomingGrove.org

**ברכת מזל טוב**
לתושבי עירנו שהשמחה במעונם

די איבריגע מזל טוב'ס און
ברוכים הבאים וועלן ערשיינען
אין קומענדיגע אויסגאבעס

לכבוד ידידינו המהולל בתשבחות, מקבל כל אדם בספ"י, נעים הליכות
**מוה"ר ברוך גוטמאן הי"ו**
פרינט סענטער
**לרגל תגלחת בנו למז"ט**
ונוהג בנו טובת עין בעניני הדפסה
יזכו לראות רב נחת ושובע שמחות